STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06204

# DOS GEVEYN FUN BLUT

F. Bimko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. בימקאָ

# דאָס געוויין פון בלוט

דראַמע אין דריי אַקטן

ניו־יאָרק, 1954

F. BIMKO

# DOS GEWAIN FUN BLUT

(Cry of the Blood)

Copyright 1954, by
F. BIMKO
New York

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press Inc., 37 East 18th St., New York, N. Y.

די מענטשן:

ניימן
סיידי, זיין ווייב
באַבי, זייער זון
שוירלי } טעכטער
עסטעל }
מאַרי, באַבים ווייב
מייקי, שוירלים מאַן
מאַרווין, אַ סיילאָר
4-עף
ר' דזשענעץ, סיידים טאַטע
ר' איטשע, ניימנס טאַטע
אַנקל מאיר
מומע רחל, זיין ווייב
מייבל
מר. באַרענבוים
מרס. באַרענבוים, זיין ווייב
בעלגישער לאַנדסמאַן
מר. אַברעק
רב

# ערשטער אַקט

### ביי סיידי און נייטן אין שטוב

סיידי

שטעלט אויף אויפן טיש

אַזאַ בראַנד, אַזאַ יקרות! צו וואָס מ'רירט זיך צו: אַ גרייפּ־פרוכט, אַ שטיקל סעלערי, — בריט מען זיך אָפּ די פינגער. גלייך ווי מ'האָט געצומען שיסן — האָבן זיך די פּושקאַרטס אָנגעצונדן און ברענען ווי דאָס העלישע פייער.

ר' איטשע

קוקט אין אַ ספר, האַלט־מיט

און דער אייז־באַקס ביים בוטשער ברענט נישט?

סיידי

ווי פריער

מ'זעט, ווי פריער, אַ חלק פלייש פאַר די אויגן? מ'גיט דיר, און דאָס ערשט ווי אַ טובה, — איינגעפּאַקט ס'פּעקל, און דו דאַרפסט דערפאַר אונטערוואַרפן די ניין טאָלער, הייבסט אַפילו נישט־אָן צו וויסן פאַרוואָס? אַ געהירל, אַ בעקל פון אַ קעלבעריש פּנים, — כ'האָב מיך אַמאָל געוואָלט אומקוקן אויף דעם? אַ שטיקל מיטל־טשאָק, ברוסט־פלאַנקען — סשפּייעכטס קומט אין מויל אַריין אַז מ'רעדט דערפון.

ר' איטשע

מילא: פלייש דאַרפן עסן די זעלנער, ס'קומט זיי; זיי זאָלן האָבן כח און בלוט, דער עיקר — בלוט. אַז ס'וועט זיי אויס־קומען דאָס אָוועקצוגעבן, — זאָל זיי נאָך אַלץ בלייבן גענוג אויף צו לעבן. פלייש — דאָס איז זעלנער. אָבער באַנאַנעס? וואָס האָט מען זיך עפּעס גענומען צו די באַנאַנעס?

סיידי

מ'קאָן נאָך אויף די באַנאַנעס אויך געפינען אַ זכות: מ'ברענגט זיי מיט עראָפּלאַנען, אונטן, אויפן ים, גייען סובמאַרינען, און מ'קאָן זיי נישט פירן מיט קיין שיפן, ריזיקירן מיט מענטשן. אָבער

ציבעלעס? זיי וואַקסן דאָך נישט מעבר לים, — מ׳זאָל זיי דאַרפן ברענגען מיט עראָפּלאַנען אין דער לופטן. וואו מ׳זאָל זיך נישט פאַרדרייען: אין לאָנג־איילאַנד, אין דזשוירזי, ביי דער שכנטע אין וויקטאָרי־גאָרטן, — קוקן זיי אַרויס מיט די גרינע שפּיצן. וואָס האָבן זיי געהאַט אָנצוכאַפּן ביים האַלדז מיט ציבעלעס? מ׳שיסט מיט ציבעלעס?

ר׳ איטשע

וואָס איז מיט מייערלעך? מיט קילריבן? מיט רעטעך? נישט אַרויף מיט דעם אויפן דהעכסטן גאָרן? און אַ היגער גאָרן איז נישט נידעריק.

סיידי

וואָס פאַר אַ געקעכטס ס׳זאָל נישט אָנחשקן צו מאַכן, — מוז מען דאָס פאַרבראָקן מיט אַ ציבעלע. די אויגן פון דער יוך וועלן זיין גרין ווי ביי אַ קאַץ, — אָן אַ שטיקל ציבעלע. אַ ביסל גריץ מוז מען אודאי פאַררייבן מיט אַ גרינע ציבעלע. דאָ לייגט מען אַפילו אין די קאַרטאָפל אויך אַריין אַ ציבעלע, — זיי זאָלן זיך אײַנאײַנעם אויסקאָכן. פיש האָבן נאָך אין דער דהיים געמוזט זען אַ ציבעלע פאַר די אויגן. וואָס פאַר אַ טעם קאָנען האָבן אייער אָן ציבעלעס? היינט: אַ שטיקל אַרעם ברויט מיט ציבעלע אויפן ניכטערן מאָגן, איינגעטינקען אין זאַלץ, ווי אויפן יוראָפּישן שטייגער — ס׳אַ קליינער יצר הרע? אַ שטיקל הערינג מיט ציבעלע, אַ שטיקל, כ׳ווייס?... וואָס מ׳זאָל נישט וועלן נעמען אין מויל אַריין, — מוז מען דאָס נעמען מיט אַ ציבעלע.

ר׳ איטשע

און מ׳זאָל אַזוי לאָזן רייסן אַ פּאַס? נישט געבן איבער די הענט?

נייטן

קומט פון דרויסן, צערודערט

אַ חתונה... זיך געטראָפן מיט אַ באָבי אין אַ לאָבי פון אַ האָטעל, ביי אַ מואווינג־פּיקטושר, אין פּענסילווייניע סטיישאָן, און אויב ער טראָגט נאָר די זעלנערישע הויזן, איז זי שוין גרייט צו גיין מיט אים אונטער דער חופה... אים אַריינכאַפּן ווי אַ פיש... ווער בין איך? וואָס בין איך? מ׳קוקט נישט גאָר...

ר׳ איטשע
זיי האָבן דאָך אַלע איצטער אַזוי חרטונה, די מיידלעך.

נייטן
ס׳האָט טאַקע מיין באָבעס טעם.

סיידי
אַראָפּגעקלאָפּט
וואָרן, ס׳זיינען אַצינד דאָ באָיס, ווי פריער, דאָ־דאָרט, ביי די טאַטע־מאַמע און ביי יענע טאַטע־מאַמע אַין שטוב? די שטיבן זיינען אָלע ליידיק. מ׳האָט צעמישט די וועלט, אַיר צעוואָרפן ווי אַ טאַליע קאָרטן... און זייער היים איז דאָרט וואו זיי שטעלן זיך אָפּ אויף איבערן טאָג, צי איבער אַ נאַכט: אויף אַ וואָקזאַל, אין אַ לאָבי פון אַ האָטעל... וואו האָסטו דיין זון, נישט ערגיץ אויף אַ וואָקזאַל? אין שטוב איז בלויז דאָ פון אים דער שטערן אויפן פענצטער. און אַזוי אויך מיט די אַנדערע טאַטע־מאַמעס קינדער... די זעלביקע באָיס, נאָר פאַרוואָגעלטע, פאַרוואָר־פענע...

נייטן
וואָרן, זי קען אים? מיט דעם וואָס זי האָט אים די פּאָר מאָל געזען, שוין אַריינגעקוקט אין זיין זעלנעריש האַרץ, און ווייסט וואָס פאַר אַ האַרץ ער האָט? און מיט וועמען זי גייט אויף איר וועלט?

סיידי
וואָס דאַרף זי מער זען ווי זי זעט? שוואַרצע זיסע אויגן ווי די קאַרשן און שעמעוודיקע... אַזאַ ווייכע פאַרב מיניעט זיך אים אויפן פנים...

נייטן
זי וועט זיין זאַט פון די אויגן? און די ווייכע פאַרב, וואָס מיניעט זיך ביי אים אויפן פנים.

סיידי
ער איז נישט פון קיין שטיין אַרויס... האָט אַ מאַמע... און אַז דאָס זאָל זיך נישט געוועזן מאַכן איבער אַ נאַכט, וואָלט זי זיך אָודאי אַראָפּגעכאַפּט אויף דער חרטונה... נאָר, ווי אַזוי? אַז זי איז דריי טויזנט מייל פון ניו־יאָרק, און דאָ האָט ער בלויז צוויי מיט אַ האַלבן טאָג...

נייטן

וואָס איז ס'פּלאָטערן? ניינצן יאָר אינגאַנצן... וואָס ברענט אויף איר די הויט? און אַז זי וועט נאָך אַ ביסל צו וואַרטן.

סיידי

יונג בלוט קאָן מען מיט קיין עין־הרע נישט אָפּשפּרעכן...

ר' איטשע

עפּעס איז אַ צעמישעניש ביי זיי אין די קליינע יונגע קעפּלעך... פּערצן־זעכצן יעריקע מיידלעך, קליינע כפּרה־ניצעס גייען אַרויס פאַר דער טיר, און טרעפן נישט מער צוריק צו איר... ווערן מבולבל פאַר די זעלנערלעך...

נייטן

מ'נעמט אַ מאַן און אויף צו מאָרגנס גייט ער אַוועק... די שיף פאַרטראָגט אים ווי אַ ווינט... מ'ווייסט צימאָלט נישט, וואו... און צי ער וועט ער זיך נאָך אַמאָל אומקערן...

ר' איטשע

גיי, לויף נאָך נאָכן ווינט, און כאַפּ אַ שיף אויפן ים וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַ באַי, — מיט די בלויזע הענט.

נייטן

אויף ווי לאַנג האָט מען אים אָפּגעלאָזט?

סיידי

אויף צוויי מיט אַ האַלבן טאָג.

ר' איטשע

איז זיך שוין דער האַלבער טאָג צעקראָכן.

נייטן

און נאָך די צוויי טעג וועט מען אים צוריקשיקן אין דער שיפּ־יאַרד... וואָרן, זי וועט זיך אויפצומאָרגנס נישט אָפּרייסן נאָך אים, און אים נאָכלויפן קיין סאַן־דיעגאָ, סיעאַטל, צי אין סאַן־פראַנציסקאָ?

ר' איטשע

דריי טויזנט מייל, — מיט וואָס וועט זי לויפן, מיטן גראָבן פינ־גער?

**נייטן**

זיי שלינגען אַרונטער דריי טויזנט מייל ווי אַ הייס וואורשטל... אַלע וועגן זיינען מיט זיי פֿאַרזייעט... וואו מ'פֿאַרדרייט זיך, — יינגע ווייבלעך. אַביסל כאַפּן זיי אַריין מיט די פּיס, אַביסל מיט אַן עראָפּלאַין, אַ שיף, אַ טראָק, און ברעקן זיך אַפֿילו נישט מיט אַ פֿאַרמערס פֿערד און וועגעלע... ווער וועט נישט אויס־שטרעקן די האַנט צו אַ יינג ווייבעלע, וואָס רייסט זיך צו איר מאַן אין קעמפּ אַריין?

**ר' איטשע**

די יינגע זעלנערלעך זיצן פֿון אינעווייניק ווי הינטער קראַטן, און די יינגע ווייבעלעך שטיין פֿון דרויסן. מ'קוקט אויף זיך אַזוי לאַנג מיט גליענדיקע אויגן, ביז די דראַטן הייבן־אָן ברענען פֿון זייער בענקשאַפֿט...

**נייטן**

מ'לאַדענט זיי דערנאָך אָן ווי די שעפּסן אויף די שיפֿן, מ'נעמט זיי אַוועק אָווערסיז, און די יונגע ווייבעלעך בלייבן דאָ איבער מיט די בייכעלעך... דער צער שרייט ביי זיי אַרויס פֿון די אויגן... מ'קאָן הערן דאָס וויינען פֿון זייער יינג בלוט...

**ר' איטשע**

פֿאַרמוחט

און אפשר איז דאָס דער גאַנצער רעיון? אַז דאָס זאָל זיך נישט אַזוי צעברענען, — קאָן נאָך ווערן אַזוי שיטער, מ'זאָל דאַרפֿן אַרומזוכן אַ מענטש מיט ליכט! מ'הרגעט דאָך אויס אַ וועלט!

אַ רגע שטיל.

**ר' הענעך**

קומט פֿון דרויסן

דאָרט פֿירט מען יידן צו דער שחיטה, און דאָ ליגט אַ חרטונה אין קאָפּ...

**סיידי**

ס'מויל איז שוין דאָ... ווייך. אַ חתונה מאַכט זיך פֿון זיך אַליין, ווי אַ בליצטראָפּ אין אַן איי... מע באַשיינט זי נאָר מיט אַן עפּל, אַ באַנאַנע, אַביסל בראַנפֿן מיט אַ שטיקל לעקעך, זי זאָל נישט האָבן קיין אָרעם פּנים. וואָס האָב איך, כלי זמרים

אויף איר? כאַטש, אַז כ׳האָב דערלעבט איר אויסצוגעבן, — וואָלט איך מיר יאָ באַדאַרפט לאָזן שפּילן. אַ צעשניטן קינד. איר צונויפגעגייט פון שטיקלעך. נעמט אויסרעכענען. ס׳ערשטע מאָל ביי איר אַרויסגענומען די מאַנדלען. ס׳צווייטע מאָל דעם אַפּענ־דיק. ס׳דריטע מאָל ווייס איך אַליין נישט וואָס מ׳האָט אַרויס־געשניטן ביי איר, אַ טומאַר צי אַ גוידער?

נייטן

וואָס עפּעס, כאַפּט מען זיך גלייך צום שניידן. אַ בעלמע אויפן אויג, אַ ווארצל אויף דער נאָז. זיי האָבן שוין צו מיר אויך גע־וואָלט אָנשאַרפן ס׳מעסערל.

ר׳ איטשע

חלילה! אַ קילע איז אַ גרויסע סגולה צו אריכת ימים. מען מוז צוליב איר לעבן הונדערט יאָר, — מ׳זאָל זי דאַרפן לאַנג טראָגן.

ר׳ הענעך

צעקאָכט

ס׳פייער פון הימל איז אין דער היים אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. די יידן ברענען ווי סנאָפּעס שטרוי... די ווייסע זילבערנע עטרות ביי זיי אויף די קעפּ, זיינען רויט פון זייער בלוט...

סיידי

נישט איינמאָל בלייבט דער לעפל געקעכטס שטעקן אין דער קעל, און מ׳דאַרף אים אַרונטערשטופּן.

ר׳ הענעך

כ׳האָב דאַרטן דריי לעבעדיקע ברידער מיט ווייבער, — משפּחות גאַנצע... דער עלטערער פון מיר, — דאָזאָר אין כמעלניק. אַ ברייטער ייד, אַ שיינער, אַז קהל האָט אים געמאַכט פאַר איר דאָזאָר! אַ יינגערער פון מיר, — אַ טאָקאַר! נישט אַלע גע־קאָנט אויפשפּילן. נאָך אַ יינגערער פון מיר, — איך בין נאָכן עלטערן, אַ רימער. געמאַכט אַזוינע געשפּאַנען מיט זאָטלען, וואָס מ׳זעט דאָ גאָרנישט.

ר׳ איטשע

אַז מ׳זעט דאָ נישט קיין פערד, וועט מען זען זאָטלען מיט גע־שפּאַנען?

**ר׳ הענעך**

מיין ברודער, שלמה, ווי איז מיר, — מיט זיין ווייב לאה, און זייער קליין מיידעלע, מרים, נאָך די קליינע באָבע, אַ ליכטיקן גן עדן... מיין שוואָגער, חיים, מיט זיין ווייב און אַ קליין ייִנגעלע, לייב, נאָכן פֿינטשעווער לייב... מיין ברודער, משה, מיט זיין ווייב, פֿייגעלע, קיין עין הרע, מיט צען שטיקלעך — מיר זאָל זיין פֿאַר זייערע ביינדעלעך. זייער עלצטע אויסגעגעבענע טאָכטער ביילטשע, נאָך דער באָבע ביילע, וואָס האָט פֿאַרקויפֿט יידן דהאַניק. ס׳זאָל זיי זיין זיס ס׳לעבן... און איר טייער כשר ייִנגעלע מיטן גראָבן בייכעלע, וואָס קייקלט זיך ווי אַ באַרעלע אויף די צוויי דינע פֿיסעלעך, — הירש. ס׳זאָל מיינען אַז ער לויפֿט ווי אַ הירש אין פֿעלד! וואָרן, אַ בן ששים קאָן זיך פֿאַרגלייכן מיטן שכל צו זיינעם? און מיין שיין זיס אייניקל, די בלאַסע בת מלכּה — פּערל! וואָרן די ענגלישע קיניגן טראָגט אויף איר האַלדז אַזאַ טייערן פּערל?

**ר׳ איטשע**

ס׳איז היינט דאָ אַ ברודער, אַ שוועסטער... אין יענער מלחמה זיינען זיי נאָך געוועזן איינגעבאַקן אין הארץ... מ׳איז אַליין נאָרוואַס געדהאַט אַראָפּ פֿון דער שיף. זיך ערשט אַרויסגעכאַפּט פֿון דער גאַדזשינע מיט הינער, און דאָ פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן ווי די זשאַרנעס אויף אַ טרוקן פֿעלד. עס האָט געצויגן צו די הינדעלעך. זיך טוליען צו זיי און זיך וואַרימען... דער טאָלער האָט נאָך נישט געהאָט קיין פּנים פֿון אַ טאַלער נאָר פֿון צוויי קערבלעך, דריי ראַניש אָדער פֿינף קרויצנען. יענע יאָרן זיינען אַוועק אויף אייביק. און מיט זיי — די ברידער, שוועסטער, די טייערע שטעטלעך מיט זייערע שיינע ימים־טובים, שבתים... מ׳איז שוין פֿון לאַנג נישט מער גרין, נישט אָרעם, און נישט אַליין אויך, ווי־ווען מ׳איז געקומען. מ׳איז שוין אויבעט נישט אַזוי ייִנג. אַלטע טאַטעס, אַלטע מאַמעס, גאַנצע שטיקער זיידעס מיט באָבעס. מ׳קען זיך שוין פֿרייען נישט נאָר מיט די עלטערע טאָכטערס אַ ילדל נאָר אויך מיט דער ייִנגערערס... ששת ימים, זעקס טעג אין דער וואָך אַרבעט מען נאָך אַלץ חמור למשא אין שאַפּ צי אין געשעפֿט, און זונטיק — שבת איז געגאַנגען שלאָפֿן — גייט מען צו אייגענע אויף לויות, בר־מצוות און חתונות... נו, קומט ער מיט אַ שוועסטערס אַ קינד פֿון דאָרטן... מיט אַ ברודערס אַ קינד... ס׳טוט טאַקע

ווי... אייגן בלוט... אָבער, ס'זאָל אָנגעמען ביי דער זיבעטער ריפּ? און מ'זאָל אויך בלוטן דערפֿאַר?

ר' הענעך

און אַז וויטע קרובים? גאָר קיין קרובים נישט? סתּם יידן? ברויך מען זיי לאָזן אומברענגען? בלוט גיסט זיך, וואָרים יידיש בלוט, — און דאָ איז עס אַזוי קאַלט... ס'רירט זיך נישט ס'האַרץ ביי קיינעמען... ס'קלאַפּט ווי פריער, ווי אַ קליין שטיל וואַסערל... ס'בלוט ווערט פאַרקילט אין די אָדערן פון דעם וואָס מ'הערט... כ'בין אינגאַנצן צעחושט... מ'קאָן דאָך נישט אַזוי זיצן און קוקן אין הימל אַריין...

ר' איטשע

נעמט וואַרפן שטיינער אין אים.

ר' הענעך

געוואַלט, דער שאַרבן פונעם קאָפּ הייבט זיך מיר אונטער... וואָס טוט מען?... וואָס שלאָפט מען?... וואָס רייסט מען זיך נישט די האָר פונעם קאָפּ?... וואָס גייט מען נישט אַרויס מרעיש עולמות זיין?... אָנכאַפּן די וועלט ביי די אויערן, און שאָקלען מיט איר ווי מיט אַ לולב... נעמטס אַראָפּ די הענט פון די יידן... וואָס אַזוינס האָט איר ביי זיי געזען, אַז זיי זיינען אייך אַ דאָרן אין אויג, — דעם אָרימען כזית ברויט? דאָס שטיקל הא לחמא עניא? יידן זיינען אַן עם קדוש וטהור! עם עולם! עם חכם ונבון! מי כעמך ישראל... און ווער זיינען זיי?... חזירים פאַר־שער... גראָבע קעפּ, פערדישע... זיי לעבן אָפּ אַ לעבן מיט קרויט...

ניטן

צעשראָקן

וואָס קאָן אַזאַ ייד ווי איך, אַ צושניידער ביי האָנט־בייטלען, — טון?... אין דער פרי טרייבט עס מיך אַרויס פון צווישן די פיר ווענט, און ווען ס'ברענגט מיך צוריק אַהיים, — בין איך טויט מיד, דערהרגעט, און בלייב ליגן אַ פלאַץ, אַ געשוואָלענער באַרג... און כ'קען מיט קיין אבר נישט רירן... ס'איז נאָך מיט חסד, אַז כ'קאָן אָפּעסן, איידער כ'פאַל אַוועק פון די פיס... אַ סך מאָל פאַל איך אַוועק פאַרן עסן, און עס בלייבט ווי פאַרשעמט אויפן טיש...

סיידי
חייך

און נאָך אַזאַ טייער עסן... אַ שטיקל געהירל, וואָס מ'נאַרט אויס ביים בוטשער... און אַ פֿליטער ביסעלע יוך מיט גאָל־דענע אויגן, פֿאַרבראָקט מיט אַ מערעלע... אַ שטיקל פּיעטרישקע...

נייטן

מ'מוז נאָך צוליב דעם יקרות אַרבעטן אַ שעה לענגער... אַ נישט, וועט נישט מער זיין ווי וואַסער אויף קאַשע פֿון דער גאַנצער מלחמה... פֿאַר אַ ייד אין מיין עלטער, אָפּצושטיין ניין שעה אויף די פֿיס, און שניידן לעדער, — ס'איז עפּעס אַ באַטעמטער ביסן? בלויז שטיין ניין שעה שמונה עשרה, — גייט מען אויך אַרויס פֿון די כחות...

ר' איטשע

וואָרן, דו ברויכסט דיך דען צושאָקלען די גאַנצע ניין שעה ביים שניידן, ווי ביי שמונה עשרה?

ר' הענעך

וואו זיינען די יידן, וואָס שניידן נישט קיין בייטלען, נייען נישט קיין דהויזן, מאַכן נישט קיין העמדער... קיין רעקלעך... די גרוי־סע יידן, וואָס ביי זיי אויפֿן קאַרק ליגן נעבעך, אַלעמאָל די צאָן קדשים... און קוקן מיט שפּאַקטיוון אין די הענט, — ס'זאָל זיך ביי זיי עפּעס אָנצינדן, מאַכן אַ שטיקל שריפהלע... וואו איז דער אייביקער יידישער געוואַלט־גלאָק, וואָס קלינגט אַז אַ יידיש שטעטל ברענט... אַזוי פֿיל שטעט מיט יידן ברענען, די פֿלאַמען גרייכן שוין ביז אונטערן הימל, — און מ'הערט אים נישט... ער איז שטיל... וואָס גייען זיי נישט אַרויס לעשן?... אויף וואָס וואַרטן זיי, — ביז ס'וועט נישט זיין וואָס צו לעשן מער?... זיי ווילן פֿאַרשלאָפֿן ס'פֿייער?... ס'ביסל יידן זאָל אָפּברענען מיט אַלעם?... נאָך קיינמאָל האָט די ערד נישט אַזוי געשרפֿעט אונטער זייערע פֿיס... און די שווערד געהאַנגען אַזוי נידעריק איבער זייערע קעפּ... וואו זיינען די גרויסע יידן?... זאָלן זיי אַצינד ווייזן ווי גרויס זיי זיינען... עת לעשות... ס'ביסל יידן אין פּוילן איז פֿאַרביי... חרוב... אָפּ.

נייטן

אַ קול אין מדבר... ווער וועט אים הערן, די היגע יידן?... ס'גייט זיי דאָ אַ סך אָן די יידן פון פוילן, צי פון דער ליטע?... דאָ האָט מען זיך בלויז צעריסן דעם לעטניק פאַר די העכערע ראַסע, די דייטשישע יהודים... און פאַר זיי אײַנגעלייגט וועלטן...

אַ געערדערדיי פון אויבן.

ר' איטשע

כאַפּט זיך

וואָס וועלן זיי דאָרט אויסליגן אויפן בוידעם, די יהודים... קומטס אַרונטער... ס'אַ חתונה אין שטוב...

סיידי

מ'גיט אויס אונדזער טאָכטער, מיט מזל.

ר' איטשע

מ'טאָר זיך טאַקע נישט משמח זיין, אָבער מ'טאָר זי אויך נישט פאַרשעמען... אַ יידישע טאָכטער האָט חתונה, און מ'דאַרף זיך דערכאַפּן ס'האַרץ מיט לעקעך און בראָנפן.

סיידי

מ'טוט פשוט אַ מצוה, אַז מ'גיט זיי עפּעס אין מויל אַריין צו נעמען. זיינען אַזוי קאַרג, אַז זיי פאַרגינען זיך נישט דעם ביסן וואָס זיי שלינגען אַרונטער... קאָנען אים נאָך, חלילה, אויס־קרענקען...

ר' איטשע

די דייטשישע רעפּיודזשיס, כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, — דאָס איז עפּעס גאָר אַ טינופת. נישט זיי שמעקן און נישט זיי שטינקען... נישט זיי שלאָפן און נישט זיי פאַרגינען זיך צו גיין אין בית הכסא... זענען פּטור פון דאַוונען, מחמת זיי עסן נישט... דעם גאַנצן טאָג ליגט מען איבער די אויערן אין דער אַרבעט, ווי דאָס פערד מיטן קאָפּ אין זאַק אָבראָק... עסן קדחת פון אַ קליין טעפּעלע, און לייגן ס'געלט אויף דער קופּע.

סיידי

כ'שלעפּ זיי אַ סך מאָל צום טיש, אויס רחמנות, — ס'חיורת זאָל זיי נישט אויסגיין...

ר׳ איטשע

דייטשישע רעפּיודזשיס — קמצנים? אַ יהודי זאָל זיין אַ שנאָרער? וועלן גיין אויף דער איסט־סייד מיט אונדזערע יידן? זינט כ׳לעב בין איך נאָך נישט געשטאָרבן... זיי זיינען דאָך אַהער־געקומען מיט זעק געלט... מיט מיליאָנען אין די טויזנטער... זיך מיטגעברענגט גאַנצע שיפן מיט מעבל, און פולע קעפּ מיט שנאה צו די פּוילישע און ליטווישע יידן, וואָס האָבן זיי געשיקט די אַפּידייוויטס, און זיך אויפגעמאַכט דעם פערטן רייך אין די הייטס... ס׳פעלט נאָר בלויז די סוואַסטיקע, וואָס זיי ברויכן אַרויסהענגען...

די מומע רחל

טראַסקעט אַריין דעם אַנקל מאיר

ער האָט זיך צוגעכאַפּט צום שנאַפּס ווי אַ חזיר צו דער קאָריטע, און מ׳קאָן אים גאָרנישט אַוועקרייסן פון אים... ער וועט זיך אַרויסשלאָגן פון די כחות...

ר׳ איטשע

מ׳האָקט אַריין.

אַנקל מאיר

אַלמאַי זאָל איך נישט אַריינהאַקן?

ניימן

שוין געלעגן אויפן מיסט, געשטאַנען אויף אָלד־פּענשען, — און די מלחמה אים געשטעלט אויף די פיס.

אַנקל מאיר

ס׳וועט זיך באַלד מאַכן אַ פרישע מלחמה, אַז די וועט איינעמען אַ מיתה משונה?... כ׳זאָל וויסן: אַז איך וועל נישט אַרבעטן, וועט קיין מלחמה נישט זיין — האָב איך די גאַנצע אַרבעט טיף טייער אין דר׳ערד... אָבער אַזוי?... פאַרוואָס זאָל איך זיין אַ נאַר און נישט זען צו מאַכן אַ טאָלער ביי איר?

ר׳ איטשע

ער מיינט: ס׳זענען יענע יאָרן פון פאַר מתן תורה: די ערשטע מלחמה. ער האָט געהאַט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר... אַ פּאָר ידים... שוין באַלד אַ זיבעציקער...

אַנקל מאיר

און ס׳מאַשינדל גייט נאָך ביי מיר ווי געשמירט... כע־כע... דער בעל הבית לעקט פון מיר די פינגער...

נייטן

מאַנטיק קלאוקס, דינסטיק קלאוקס, מיטוואָך קלאוקס, דאָנער־שטיק קלאוקס, פרייטיק קלאוקס, שבת קלאוקס...

ר׳ איטשע

שבת האָט מען אין דר׳ערד. ער איז סיי־ווי ס׳כפרה־הינדל.

נייטן

און זונטיק אויכעט קלאוקס? קיין איין טאָג אין דער וואָך נישט אויף אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם?...

ר׳ איטשע

שמחת תורה.

נייטן

אַפילו די רשעים אין גיהנום כאַפּן דאָך אויך אַריין איין טאָג...

אַנקל מאיר

עס לעשט זיך שוין, צוביסלעך. מ׳האָט שוין אַזוי פיל אָפּגע־נייט, אַז ס׳האָבן גענומען אויספּעלן די הענגערס. ס׳איז נישטאָ אויף וואָס זיי אויפצוהענגען...

נייטן

נאָר ביי קלאוקס? ביי וואָס רודערט זיך דען נישט? ביי דרעסעס, פּאָר, העמדער, היטלען... מ׳ווערט אין יעדע טרייד געהרגעט...

ר׳ איטשע

די מלחמה האָט זיי אַלע אויפגעשפילט.

נייטן

אַז כ׳וועל ביי מיינע האַנד־ביטלען וועלן שטיין אויף די פיס ביז נאָך אַכטע, — וועט מיר דער בעל הבית אויך געבן אַ גלעט אין בעקל... נאָר כ׳האָב שוין נישט אַזוינע פיס, אַז כ׳זאָל קאָנען שטיין אויף זיי ביז נאָך אַכטע... צוועלף שעה... מיין דזשאָב שטייט־איין ביי די פיס...

ר׳ איטשע

און נישט אַזוי מזלדיק ווי דער אַנקל מאיר, וואָס ברויך ביי אים זיצן...

נייטן

איך וועל שוין קיין גביר ביי דער איצטיקער מלחמה נישט ווערן. כ׳בין ביי דער ערשטער אויך אַרויס גלייך אויף גלייך. כ׳האָב נישט קיין מזל צו מלחמות... ס׳קומט נאָך זעקסע נעם איך די פּאָר אַלטע פיס מיינע אויף די פּלייצעס, און זיי טראָגן מיך אַהיים...

ר׳ איטשע

די באַלעך דאַרפן אַוועקלייגן די קעפּ, מ׳ברויך אויסהרגענען אַלע יידן, — אַז מ׳זאָל דאָ צעזעצט ווערן אַרבעטנדיק...

נייטן

אַז די שיקסלעך באָדן זיך אין געלט ביז איבערן האַלדז. ווילן זיי יעדע וואָך אַן אַנדער קליידל, אַ פּאָר אַנדערע שיכלעך, — און די סאַמע שפּיציקסטע, שאַרפסטע...

ר׳ איטשע

אַז די גאַסן ברעכן זיך מיט זעלנערלעך, און נאָך אַזוינע שיינע, יונגע, — פאַרוואָס זאָלן זיי נישט וועלן?...

נייטן

זיי צאָלן צוויי מיט אַ האַלבן טאָלער פאַר אַ פּאָר זאָקן, — זיי אַיינמאָל אַרויפצוגעמען אויף די פיס... נו, מוזן דאָך די שעפער אַרבעטן אין דריי שיפטס, פּונקט ווי ביי אַמונישן, ביי טענקס און עראָפּלאַנען, — זיי זאָלן האָבן זאָקן, שיך מיט דרעסעס...

ר׳ איטשע

נישט קיין זאָקן, נישט קיין שיכעלעך, — וועלן נישט זיין קיין עראָ־פּלאַנען, קיין ביקסן... מיט וואָס וועלן די באַלעך פירן מלחמה, — מיט די ליידיקע הענט?...

אַנקל מאיר

ביי די פּאַסיקלעך, שפּיגעלעך, בייטעלעך ,שיך, — אַרבעט מען פאַר באַטאַנס. וואָס גיט מען דאַרטן? חיי קאַק... די זעלביקע האַלבע מאה פאַר פערציק שעה, אַזוי ווי פריער, און דאָס אויכעט

נישט... דאָס פונטעלע פלייש איז שוין באַלד אַרויף אַזוי הויך, אַז מ'דאַרף צושטעלן אַ לייטער דערצו, — און דאָרטן איז מען נאָך אַלץ געבליבן ביים אַלטן... ס'האָט זיך נישט גערירט גאָר... דאָרט איז נאָך די מלחמה נישט...

ר' איטשע

איצט וויל די מלחמה אַליין אויך אָפּלעקן אַ ביינדל. ס'קומט איר נישט?... זי האָט זיך עס כשר פֿאַרדינט... אַז זי גיט מעג זי אויך וועלן נעמען... און מען מוז איר יעדע וואָך אונטערשטופּן, אַז זי זאָל נישט אַוועקפֿאַלן ווי אַ שקאַפּע פֿון די כּחות...

אָנקל מאיר

און פֿאַר דעם געלט וואָס זיי וואַרפֿן צו, זאָל מען נאָך שטיין לענגער? אַזוי לאַנג קרענקען זיי... איך וואָלט דעם בעל הבית אַנגעשפּיגן אין פּנים אַריין... ביי קלאָוקס זעט מען זיך מיט אַ טאָלער... באַווייזט אַ פּיי־קאָנווערטל. הונדערט מיט אַכט־און־דרייסיק טאָלער פֿאַר פֿיר־און־דרייסיק מיט אַ האַלבע שעה... דאָס איז אַ טרייד... און אַ יוניע, זאָל לעבן... קאַנסט דאָס זען ביי דיינע פּאַסיקלעך און שפּיגעלעך, — אַז דו זאָלסט אַפֿילו אַריינלייגן צוויי וואָכן אין איינע?

נייטן

און הונדערט מיט אַכט־און־דרייסיק טאָלער ביז האַלב נאָך פֿיר, איז נאָך נישט גענוג, נאָר מען מוז גיין אין אַ צווייטן שאַפּ אַריין אַרבעטן ביז נאָך אַכטע... טראָגן צוויי שעפּער אויף די אַלטע פּלייצעס...

ר' איטשע

זיי אַזוי לאַנג טראָגן, ביז זיי וועלן זיך איינברעכן, די פּלייצעס.

אָנקל מאיר

אין די קליינע שטעטלעך זיינען זיך די שיקסעס צעקראָכן צו דערפֿענס, און געלאָזט שטיין די בעלי־בתּים ווי אָפּגעצוואָגענע קעץ... זיינען זיי אַריינגעקומען אין שטאָט, אָבל וחפּוי ראש... אָן שעפּער, אָן שיקסעס און אָן קעפּ...

ר' איטשע

ווי קאָן מען טאַקע לאָזן שטיין בעלי־בתּים אָן שיקסעס, און אָן קעפּ? וואו איז די יוניע? זי קאָן זיי מער נישט פֿאַרשאַפֿן קיין קעפּ מיט שיקסעס?

נייטן

ס'האַרץ אַנטגייט מיר טאָקע פאַר זיי... און אַז זיי האָבן געכאַפּט די מאַשינדלעך אויפן קאַרק, און מיט זיי אַנטלאָפן געוואָרן אין די קליינע שטעטלעך, אין די וועלדער אַריין, — און דו האָסט באַדאַרפט גיין צו דער שטאָט, זיין ביי איר אויף קעסט?

ר' איטשע

דו קוק דיך בעסער אום אויף די אַלטע שקאַפּע דיינע... זיי וועלן טאָקע אַ סך וועלן וויסן פון איר, — אַז דו וועסט דיך געבן אַ לייג אַוועק ביי זייערע רעק צווישן זיבענע־אַכטע, אַז ס'וועט קיין האָן נישט קרייען...

אָנקל מאיר

זי דאַרף נישט אַז מ'זאָל זיך אומקוקן אויף איר... אַראָפּגעקלאָפּט דאָס יאָר זיבן־אַכט טויזנט דאָלאַר ווי די בערן... צוויי האָבן ביי איר אָרויסגעריסן דער בוטשער מיטן גראָסערי־מאַן, געהרגעט זאָלן זיי ווערן... די איבעריקע לייגט זי זיך אונטער ווי דאָס קישן אונטערן קאָפּ... געטרויט זיי אָפילו נישט דער באַנק...

נייטן

און נאָך אַליין אויך געוואָרן אַ פאַרדינערין... אַ סיילסליידי ביי אַרנאָלד קאָנסטייבל... פאַרקויפט זאַכן...

ר' איטשע

צו זיבן־און־זעכציק יאָר.

נייטן

אַרבעט פאַר ווידזשעס און — פראָצענטער... אַ שטילער שותף צו אַרנאָלד קאָנסטייבל...

אָנקל מאיר

ס'גייט איבער איר אַן אַ שטילע מלחמה צווישן אַרנאָלד קאָנסטייבל און גימבל־בראָדערס. ביידע שלאָגן זיך איבער איר. מ'שלעפּט איר ביי די פּאָלעס. מייסיס האָט אויף איר אויך געוואָרפן אַן אויג, און וויל איר דהאָבן... פאַרשיט איר מיט לי־בעס־בריוולעך... אַרנאָלד קאָנסטייבל אַליין חנדלט זיך צו איר מיט די גראָע באָקן־בערד זיינע פון אַלטן קייסער פראַנץ־יאָזעף...

אַז זי זאָל אים פּייערן — ווער וועט פאַרקויפן די זאַקן?...
בלייבן זיי אים ליגן איבערן האַלדז...

נייטן

נישט די מלחמה, וואָלט מען איר צומאָלט אַריינגעלאָזט אויס־קערן ס׳געשעפט?

ר׳ איטשע

די וועסטערן יוניע האָט מיר אויך געוואָלט אָנטון בגדי מלוכה: אַ היטל, אַ פּאָר שיך, אַ פאַלנע אוניפאָרם, — כ׳זאָל גיין אָפּ־טראָגן טעלעגראַמען, כאָטש דריי שעה אַ טאָג... זיי ליגן אַזוי הויך, ביז אונטערן באַלקן...

סיידי

אַזוי פיל מיליאָנען זעלנער שיקן טעלעגראַמען צו זייערע מיידלעך און מאַמעס...

ר׳ איטשע

אַלץ וואָס אַ זעלנער האָט איז אַ מיידל און — אַ מאַמע...

סיידי

און אַ מאָל אויך — אַ פּיצל ווייבעלע.

ר׳ איטשע

כ׳וואָלט שוין באַשטאַנען... נאָר, כ׳האָב נישט וועמען... פאַרן דאַוונען מוז איך זאָגן מיין יום תהלים... און דערנאָך לערן איך אַ פּרק משניות... אַ שטיקל עין יעקב... און אַז כ׳וואָלט שוין געקאָנט אַרויסהאַקן די דריי שעה, האָב איך עפּעס קיין האַרץ נישט דערצו... כ׳שרעק מיך פאַר טעלעגראַמען... כ׳ווייס נישט וואָס ס׳איז אין זיי... אַ בלינדע זאַך...

געשרייערײַ אין דרויסן פון קאָרס.

די מומע רחל

שטעקט אַריין דעם קאָפּ

די חתונה רוקט זיך שוין אָן, און ער ווייסט נאָך אַלץ נישט אַריינצוגיין נעמען אויף זיך אַ רעכט בגד... אויף דעם האָב איך דיך אַהיימ־געברענגט פונעם פאַרשאָלטענעם שאָפּ?... נעמט אים אַרויס.

עס קומען אַריין: מייקי, שוירלי — אָנגעטאָן אין חתן־כלה קליידער.

שוירלי

פאַלט די מוטער אויפן האַלדז

אַזאַ שיינער טיש: עפּל, באַנאַנעס, — וואו האָסטו היינט געקראָגן באַנאַנעס?

ר׳ איטשע

קושט איר אין קאָפּ

זיי אָראָפּגעגנבעט ביים איטאַליענער פונעם פושקאַרט, פאַר צען סענט אַ שטיק.

שוירלי

די שטוב אַזוי שיין פאַרפּוצט... פירהענגלעך... רויטע סטענגעס... האָסט אויך אַראָפּגענומען די פסחדיקע געשיר?...

ר׳ איטשע

אויפגערוימט

בלויז אליהו הנביאס כוס. גיסט־אָן. קול ששון וקול שמחה.

סיידי

דורך טרערן

אַז ס׳האָט זיך אַמאָל פאַרגנבעט צו מיר אין קאָפּ די חתונה דיינע, — און ווען האָט זי זיך נישט פאַרגנבעט? האָב איך מיר אויסגעמאָלן אַ שטיקל סאַליע... נישט קיין רייכן זאַל, אין אַ האָטעל... אָבער, ערגיץ אַרום די צווייטע עוועניו... מיידלעך וועלן טאַנצן... מ׳וועט הערן שפּילן... דיך זען זיצן אונטער אַ חופּה... לעמפּלעך ברענען... און גיין צום טיש, כאָטש נאָכן בייטל מיינעם — פיר דאָלאַר אַ קאָפּ־סאַפּער...

מייקי

אַלע מיידלעך האָבן איצט אַזוי חתונה.

סיידי

כ׳האָב נישט געחלומט פון קיין גרויסע זאַכן... ווער בין איך, אַ בייטל־מאַכערס אַ ווייב?... נאָר וואָס קאָן זיין ווייניקער פון דריי פּיצלעך שטיבלעך... אַ קעכל, אַפּצוקאָכן אַ ביסל וואַסער... זי וועט טראָגן ס׳טעפּל צו דער שכנטע?... אַ מיטל־שטוב פאַר אַ פּאָר געבעטע שטולן — זיך צו־צושפּאַרן... אַ קאַנאַפּע, דעם קאָפּ אַוועקצולייגן... כ׳האָב מיר נישט איינגערעדט, מי יודע,

וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיק מעבל, נאָר עפּעס כאָטש, אויפן שפּיץ־מעסער, וואָס זאָל כאַפּן ס׳אויג, און אַ ביסל אויך ס׳האַרץ...

ר׳ איטשע

עס גייען אַין דרויסן אַרום חתונה־געהאַטע פּאָרלעך, אַזוינע ליכ־טיקע — אַז די זון רוט אויף זיי; און האָבן זיך באַלד נישט וואו אַהינצוטאָן אין דער ערשטער נאַכט... זיי רייסן־אָפּ די טירן פון די פּוירנישד־רום הייזער מיט די מעריט־לייסנס אין די הענט, — נאָר ווער וועט אַריינלאָזן אַ זעלנעריש פּאָרל אויף איבער אַ נאָכט?...

נייטן

אָפּרייסן די טירן פון אַ מעבלירט רומינג־הויז, וועל איך זיי אויכעט נישט לאָזן. אַיין מינוט נאָך דער חתונה, — און מיר טראָגן זיך אַלע אָפּ... ס׳איז אייער הויז... אינגאַנצן אַייערס פאַר די צוויי־דריי טעג...

שוירלי

קיינעם נישט דאַרפן טרייבן... מייקי האָט פאַרכאַפּט אַ שטוב אין אַ האָטעל...

נייטן

פאַרחידושט

מ׳האָט אים אָפּגעגעבן אַ שטוב אויף צוויי מיט אַ האַלבן טאָג?

מייקי

גענומען אויף דריי וואָכן, און בלויז באַצאָלט פאַר איינע... אַ קליין ביסעלע אָפּגענאַרט...

סיידי

און נאָך די צוויי מיט אַ האַלבן טאָג גייט שוין אָפּ די שיף, דיינע? זיך אפשר אָפּבעטן ביי איר, זי זאָל איבערבלייבן מיט אים נאָך אויף אַיין טאָג?

מייקי

ווייל איך האָב חתונה?

ר׳ איטשע

דער איינער טאָג אים די זופּ פעט מאַכן?

מייקי

אַ סײלאָר איז נישט ווי אַן אינפאַנטערי־מאַן, וואָס איז אַרײנגעהאַקט ווי אַ נאָגל אין דער וואַנט. — אין רעגימענט זײנעם... די שיף גײט און קומט... אַ מאָל אין דרײ וואָכן... אַ מאָל, אין זיבן... זיך נישט אָפּוואַשן ס׳פּנים אין ניו־יאָרקער האַפן, איז אין סאַן־פראַנציסקאָ, אין סאַן־דיעגאָ... אַזוי ווי די שיף פאַראַנקערט, קלאַפּ איך אַ טעלעגראַמע, — און זי כאַפּט אַן עראָפּלאַן... פליט מיט אים אַריבער, גלײך צו מיר אין די הויזן אַרײן...

סיידי

ס׳קרענקט מיך נאָר פאַר די מתנות וואָס זי האָט צעטײלט צווישן די מײדלעך אירע... די — אַ לאָמפּ, די אַנדערע — אַ ברעט אויף צו פּרעסן... וואָס זײ האָבן איר אָפּגעקאָסט?... און אַז זי האָט זיך אַלײן אונטערגערוקט, — איז נישטאָ וועמען עפּעס צו געבן...

ר׳ איטשע

פאַרדאָס האָט זי אַ סײלאָר, און די מײדלעך — געווינטלעכע סאָלדזשע־באָיס...

סיידי

זײער מערכה: ס׳האָט זיך אַלץ איבערגעקערט,מיטן פּנים אַרונטער און די פּיס אַריבער.

נייטן

זײ װעלן איר דערנאָך דאַרפן אָפּגעבן מיט פּראָצענט...

שוירלי

וואָס דאַרף איך אַ לאָמפּ? אַ ברעט אויף צו פּרעסן? זילבערנע מעסער מיט לעפל? אין אַ חופּה־קלײד גײ איך? אונטער דער חופּה וועל אין שטײן?...

ר׳ איטשע

נאָך אויפן רוף דערצו... אונטערן בלאָען הימל... און מיט אַ טלית שכולו תכלת איבערן קאָפּ...

שוירלי

און אַ שײנע כלה בין איך?

סיידי

קושט איר

דיין מזל זאָל אַזוי שיין זיין, ווי שיין דו ביסט...

ר' איטשע

יעדעס יידישע מיידל, אַז זי טוט־אָן דאָס אויסגעבענקטע ווייסע חופּה־קלייד, — שיינט זי דערפון אַרויס ווי אַ בת מלכה...

שוירלי

ביי מייקי אויפן האַלדז, זיס

ווי זע איך אויס, שיינער סיילאָר־באָי ?

מייקי

איר אַרומגענומען

דו זעסט אויס ווי די מויד פון דער באַטל־שיף, וואָס אַלע סיילאָרס חלומען פון איר... יעדער סיילאָר אויף דער שיף האָט זיך זיין מויד אין קאָפּ, וואָס גייט אים נאָך אויף אַלע ימים... און איר וועט ער נישט שיסן... ווען די האַרמאַטן זיין שטום... נישט אויפמאַכן די מיילער... קושט איר. דו ביסט איצט מיין מיידל אויפן ים...

געשרייערריי פון קאַרס אין דרויסן. עס קומען אַריין באַבי, מאַרי, מאַרווין, עסטעל, 4־ער.

מייקי

וואו איז מען דאָס געבליבן שטעקן ?

באַבי

אַ לויה מיך אָפּגעשניטן פון דער פּראָגנט־קאַר ווי מיט אַ מעסער.

שוירלי

דערשראָקן

אַ לוידה אויף מיין חתונה ? אַ לוידה מיט אַ חתונה, אויף איינ־מאָל ?...

מאַרווין

די גאַס איז גלייך פאַר חתונות און — לויות... זי איז זייער ביידנס...

מייקי

נישט געקאָנט אויף איר אויפמאַכן אַ מויל? אויף איר אָנשרייען מיטן האַרן פון דיין קאַר?

מאַרווין

פאַר דיינע האָט זי נאָך געהאַט אַ ביסל איינזען, — חרטן־כלה... און געבליבן שטיין גאַלאַנט מיטן טויטן... זיך פאַרנייגט פאַרן יונגן פאַרל...

4־עף

אָבער נישט פאַר די אַנדערע צוויי קאַרס... די האָבן געמוזט אַראָפּבייגן די קעפּ פאַרן טויטן, און וואַרטן ביז זיי וועלן אים אַלע נאָכפאָרן.

באָבי

ביי מיין ווייבס אַ לאַנדסמאַן אַ לויה, איז אַ מעשה אָן אַן עק... זי קאָן זיך ציען אויף דריי פערטל מייל... און נעמט זיך גאָר קיינמאָל נישט אויס...

מאַרי

מיינע איטאַליענער האָבן ליב ווייַן און — שיינע לוויות...

ר׳ איטשע

און אויך שיין צו זינגען.

מאַרווין

די פראַנצויזן זיינען שוין קלוגער: זיי האָבן ליב ווייַן און — שיינע ווייבער...

באָבי

איך אַליין האָב אָפּגעציילט דריי און דרייסיק קאַרס, און פיר וואָס זיינען געלאָפן פאַרן טויטן, — מיט בלומען, אַרויפצולייגן אויפן קבר...

מאַרי

און דאָס ערשט ביי אַן אָרימען איטאַליענער. ביי אַ רייכן איז זי אויף אַ מייל לענגער...

ר׳ איטשע

זיי צאָלן ס׳גאַנצע לעבן, אַז מ׳זאָל זיי שיין באַגראָבן...

נייטן

מ׳האַלט דאָ אין איין צאָלן, און אַלץ אויף איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר: פּאָר אַ שיינע לוידה... אַ שיינעם טויט... און ביים לעבן אַז מ׳וויל עפּעס האָבן... מע מוז פריער אויסציען די פּיס...

סיידי

שרייט־אָן

ס׳איז נישטאָ עפּעס בעסערס צו נעמען אין מויל אַריין, ווי אַן איטאַליענישע לויה? אַזוינע שיינע עפּל מיט רויטע בעקלעך, מיט ווייסע הויטן, געלע... טיילט אַרום. טייטלען... פייגן... שוירלין. וואָס איז זיך דאָ געוועזן אַזוי צו דערשרעקן פון אַ טויטן איטאַליענער?... עסטל. וואָס קלאָגט זי זיך ס׳פּנים, די ציג?... די אַרמיי האָט דיך שלעכט געטריט?... צי, די נייווי?... נישט אַריינגעשיקט דיר גענוג קיין מייל?...

נייטן

איך אַליין האָב איר אַרויפגעבערענגט צוויי פולע הענט מיט בריוו.

עסטעל

פלאַצט אַרויס

וואָס האָט דער פּאָר־עף זיך געהאַט צוצושטעלן צו מיר אויף דער פּיקטשע?... איך וויל נישט גיין מיט קיין פּאָר־עף אויף דער גאַס, זיך אַפּשטעלן רעדן מיט אַ פּאָר־עף פאַר מענטשן אין די אויגן, נישט עסן מיט אַ פּאָר־עף ביי איין טיש אין רעסטאָ־ראַנט, — ווער איך דאַרפן זיין מיט אים אויף איין פּיקטשע?

סיידי

און אַז ער האָט זיך צוגעשטעלט, קומט אים צו שיסן דער־פּאַר?... ער איז שיין און ליכטיק... העכער פון דיר... האָט גענוג האָר אויפן קאָפּ... מ׳זעט גאָרנישט אויף אים אַזוינס וואָס ס׳זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן, מיט דעם וואָס ער איז אַ פּאָר־עף...

עסטעל

וואָס דאַרף ער האָבן, אַז ס׳זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן? אַז מ׳זעט בלויז אַזאַ באַי גיין אין פּראָסטע הויזן — גייען שוין אויך די אויגן איבער...

ר׳ איטשע

אַז די לאָקאַל־באָרד האָט פאַרקרימט אויף אים די נאָז, געוואָרפן אויף אים אַן אומחן...

עסטעל

כאַפּט אים אַרום, קושן

דער זיידע האָט מער שכל פאַר זיי אַלע...

נייטן

אַז ער טויג נישט פאַר קיין זעלנער, וועט ער זיך שוין נישט אויס־טויגן פאַר איר אויך? כ׳מוז דאָס האָבן ס׳גאַנצע בני בירת אין דער אַרמיי און אין דער נייווי? האָבן לײַדיקע שטיבן און אַלע שײַבן פאַרקלעפּט מיט שטערן? אַלץ אָפּגעבן פאַר די אַרמיי מיט די נייווי, און נאָך, חלילה, אַליין דאַרפן טראָגן פאַר זיי די מע־דאַלן... באַבי איז אַ זעלנער, שורלי האָט שוין אַ סיילאָר, און זי אויך מיט אַ סיילאָר?... כ׳מוז דאָס האָבן צוויי סיילאָרס אין דער משפחה, — זיי זאָלן פירן אַ האַלבן פלאָט? און מיט איינעם וועל איך נישט קאָנען בענטשן?...

עסטעל

כאַפּט אַרום מאַרווינען

איך גלייך די אַרטילערי... איך גלייך די עיר־קאָר... איך גלייך די מוירטשענטמאַרין, באָט נאָטהינג לייק טהי נייווי... די נייווי שאָקלט זיי אַלע אויס פונעם אַרבל... זיי קאָנען זיך אַלע נישט גלייכן צו איר...

ר׳ איטשע

ביים געמבקעלע אירן

אין וואָס שטעקט מער יצר־הרע ביים סיילאָר: אין די ברייטע בלויע הויזן ווי די ווייבערישע פלודערן, אָדער אין דעם ווייסן קעפּ־קעלע אויפן שפּיץ קאָפּ?

עסטעל

שטייפט זיך

העי, קעפּטעין... עי באָוט איז קאַמינג... עי גאָלדן באָוט... ענד אַ רויטע מויד איז אָן טאָפּ אָף דהאָר... זי רייט אויפן קוימען...

מייקי

גיט איר אַ נעם אין לופטן

ווען כ'קריג איר אַרויף צו מיר אויף דער שיף מאַכט זי אַ תל פון איר...

ר' איטשע

פון אַ באַטל־שיף?

מייקי

אַ דעסטראָיער.

ר' איטשע

דאַרף מען איר נעמען אין אַ סובמאַרין...

מאַרי

נעמט אַדום באַבי

מאַי באַבי איז אין אַרמאָרד דיוויזשן. ער טרייבט אַ טענק.

באַבי

אַז כ'גיב מיך אַ צעלאָז מיט אים, קריגט ער פליגל; און אַז כ'פלי אַריין מיט אים אין אַ וואַלד, — לייגן זיך די ביימער אונטער אים ווי די גראָזן. כ'הער אַפילו נישט ס'קרעכצן זייערס...

מאַרי

כ'האָב אים נישט געוואָלט האָבן אין דער אינפאַנטערי, — זיי דערמאָנען מיך מיט זייער קריכן אין בעד־באַגס. כ'האָב אים אויך נישט געוואָלט אין דער נייווי, — וואָס איז עי סיילאָר אויף אַ באָוט? עי סקרול! איבער דעם טענק איז ער דער באָס פאַר זיך אַליין... אַז ער הייסט אים גיין — גייט ער; שטיין — שטייט ער; שיסן — שיסט ער...

סיידי

פון דעם אַלעם מיט אַנאַנד: פון דער נייווי, עיר־קאָר, אַרמאָרד־דיוויזשאָן, מוירטשענט־מאַרין — איז ס'בעסטע אַ פּאַר־עף. ער איז דער ריכטיקער בעל הבית איבער זיך... קאָן עסן וואָס ער וויל, און נישט וואָס מ'גיט אים... גיין שלאָפן ווען ער וויל, און נישט ווען מ'הייסט אים... איז אין דער היים... נישט פאַרקויפט צו קיינעם... הלוואי האָט זי שכל...

עסטעל

אַ סיילסמאַן ביי סילק, דערצו דאַרף איך ערשט האָבן שכל...

נייטן

די זעלנערישע הויזן זיינען אַזאַ גרויסע מצאָצע?

סיידי

די מיידלעך מיינען אודאי, אַז די באָיס וועלן אייביק זיין סיילאָרס, פלייערס, און זיך אַרומפירן מיט טענקס אונטערן אָרעם... מיט גאַנצע שיפן אין בוזים... באַלד, באַלד, און זיי וועלן צוריק זיין די אייגענע באָיס פון נעכטן און אייערנעכטן... זיך גאַנץ שיין דאַרפן איבערבעטן מיט די אַלטע אָפּגעריבענע הויזן... זיי ליגן ביי מיר גוט איינגעקענפערט...

נייטן

צו וואָס? אַז ס'וועט האַלטן אַ שעה דערנאָך, און ווי כ'זאָל נישט האָבן — גיי איך מיט אים אַריין צו דזשאָן דייוויד, אַ גוט אָרט? און וויפיל סוטס ס'וועלן זיין אויף די הענגערס, — קאָן ער זיי פאַרנעמען... מיר הייסן געבן דעם ביל.

אַנקל מאיר, מומע רחל קומען אַריין, — יום־טובדיק אָנגעטון.

אַנקל מאיר

מאַכט אויף זיך גלייך דעם קראַוואַט

אַרויסגעטריבן דעם קלאָוקס־אָפּערייטאָר, און זיך אַריינגעקליבן אין מחותנן.

מומע רחל

ס'איז מיר נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען ביי אים. זיך באַדאַרפט מיט אים שלאָגן. אַרויפגיין ניין פלאָרס שטיגן אין שאָפּ אַריין.

אַנקל מאיר

דריי טאָלער אַ שעה גייט נישט צו פוס. נאָר ס'איז דאָך שוירליס חתונה — וועל איך זיין אַרימער מיט פיר פינף שעה... גיט איר אַ קניפּ אין בעקל.

סיידי

וואו איז ערגעץ דער רב? פאַרוואָס שטעלט מען נישט די חופּה?

נייטן

אַז דער חתן יאָגט זיך נישט, — וואָס יאָגסטו דיך? ס'איז דיר שוין איבעריק די מינוט וואָס זי איז דאָ?

ר׳ איטשע

מ׳וואַרפט באָמבעס אויף די קעפּ?

נייטן

וואָס גיכער זי וועט אָפּיר פון אונטער דער חופּה, — גיכער וועט זי זיך אַרויסשאַרן מיט אים...

סיידי

דורך טרערן

כ׳וועל איר נאָך געבן אַ קוש אין קאָפּ אַריין, ביים אַרויסגיין... וואַרפן פייגן מיט טייטלען אונטער די פיס... זי גייט אויף איר וועלט... און זי ברויך זיין ליכטיק אין אירע אויגן... די זון אייביק שיינען... וואו איז דער רב?

ר׳ איטשע

אויבן ביי די רעפּיודזשיס... ער וויל זיי איבערקערן פאַר מעמ־בערס פון זיין קאָנגרעגיישאָן...

אָנקל מאיר

ער האָט גוט אַרויפגעטראָפן... די אויגן וועלן אים פריער איבערגיין, — ביז ער וועט זען זייערס אַ פּעני... די רעפּיודזשיסווילן, מ׳זאָל זיי אַריינמאַכן אין דער האַנט אַריין... אויף וואָס זיינען זיי רעפּיודזשיס?...

מר. באַרענבוים

פון אויבן

אָ, דער קלאָוק־יודע!

ר׳ איטשע

ער האָט אים דערקענט אין קול, ווי אַ הונט דעם בעל הבית.

מר. באַרענבוים

קומט אַריין

אין מיטן טאָג צוהויז, וואָס איזט דאָס? גיבט עס קיינע קלאָוקס ניכט מער?

ר׳ איטשע

ס׳איז נאָך נישט נאָך דער מלחמה.

אָנקל מאיר

די חרטונה אירע מיך אַהיימגעבערענגט.

מר. בארענבוים

ביז נייַן אור אָבענדס, האָבען זי זיכער זיבן גראָסע שטונדען פאַר־ניכטעט...

נייטן

אַז דאָס זאָל אים טרעפן, ברענגט ער זיך אום.

ר' איטשע

נישט דער אָנקל מאיר מיט די קלאָוקס, וואָלט מען אים גע־קאָנט אַראָפּקריגן פונעם בוידעם? נישט מיט אַ חרטונה, נאָר אַפילו נישט מיט קיין פייער... ס'הויז זאָל ברענען...

מר. בארענבוים

זיבעצען צענט איינע לעמפשייד. אונד דאָס מוז נעמען איין פירטל שטונדע. מאַן זאָל זאָגאַר אויפהערן אָטעמען. עס איז דאָך וואַסער אויף קאַשע.

נייטן

ס'איז קאַשע אויף וואַסער.

ר' איטשע

ער האָט אים כישוף געטאָן מיט די קלאָוקס זיינע, דער אָנקל מאיר. כע־כע, נאָר פאַר אַ קלאָוק־מאַכער זאָל ער אים מאַכן, דעם יהודי.

מר. בארענבוים

דריי דאָלאַר איינע שטונדע.

ר' איטשע

אַ זייגער מאַכער נעמט דריי דאָלאַר פאַר איין מינוט. ער דאַרף נישט מער ווי איין מינוט קאַליע צו מאַכן אַ זייגערל... און אַ דימענט שלייפער נעמט נאָך מער... אַ קלאָוקמאַכער זיך אַריינ־גענומען אין קאָפּ...

נייטן

נישטאָ עפּעס בעסערס?

מר. בארענבוים

ברילאַנטן שלייפן, איינע אור פאַריכטן, — דאָס איז ניכט פיר מיינע אויגן מער...

נייטן

בריליאַנטן זיינען נישט פאַר די אויגן, קלאָוקס נישט פאַר די כחות... נישט גוט אַז מ׳ווערט אַלט...

ר׳ איטשע

די מלחמה האָט באַדאַרפט אַרויסקריכן פון איר פּוטער־פּעסל, ווען ער האָט נאָך געהאַט כח, אויגן, און נאָך עפּעס אויך... וואָרן, פאַר דער מלחמה האָבן זיי ביידע געטויגט אין דר׳ערד אַריין, — דער קלאָוקמאַכער מיטן זייגער מאַכער. און, אם ירצה השם, אַז די מלחמה וועט אַוועקפּגרן, — וועלן זיי צוריק זיין די זעלביקע מיוחסים.

ר׳ העניך

מ׳הערט אים, קומנדיק מיטן רב

אַ חתונה, יאָ... מ׳קאָן נישט מאַכן קיין גדר... זיי אַרומנעמען מיט אַ צוים, אַפילו אַ שטעכנדיקע... ס׳איז נישט אין אונדזער רשות.. נשמות וואַרטן אויף זייערע גופים... ווילן זיך מתדבק זיין בתוך יצירה... יצירה בעת מלחמה, ווען יונגע לעבנס ווערן אונטערגעהאַקט ווי ביימלעך אין אַ וואַלד... וויפיל מענטשן ס׳גייען אַוועק — נאָך מער זאָלן צוקומען... דער חלל וויל זיך אויספילן... נישט זיין ליידיק... ברויך מען איר באַשיינען מיט אַן עפל, אַ באַנאַנע, אַ פּאָר פּאָמעראַנצן, ניסן, טייטלען, פייגן... ס׳זאָל נישט אויסזען ווי אַ לויה... נישט: גיין אין אַ האָטעל, צאָלן דריי־און־דרייסיק דאָלאַר פאַר אַ מאָלצייט, זיך לאָזן גיסן ווייַן אין געשמדטן האַלדז אַריין, דעם בעסטן ליקער, — ווען יידן גייען־אָפּ אין בלוט? גאַנצע קהילות, הייליקע יידישע קהילות פון דור־דורות, — גייען אונטערן חלף? אונטערן שניידמעסער? זיינען מקדש את השם ברבים? זיך צעהוליען, ווען, חלילה, מ׳קאָן גאָר זיין אַן אָבל? און מ׳דאַרף זיך זעצן שבעה? וואו האָבן דאָס אבלים געקריגן אַ היתר זיך משמח צו זיין מיט משקאות און כלי־זמרים, ביז אין טאָג אַריין?

דער רב

מ׳דאַרף נישט צונויפמישן דאָ מיט דאָרטן... ס׳זיינען צוויי באַזונדערע וועלטן... דאָרט איז דאָרט און דאָ איז דאָ...

ר׳ איטשע

אַנגעכמורעט

וואָס זיינען יענע יידן, אונטערגעוואָרפענע? זיי געפונען הינטער אַ פּלויט?... כל ישׂראל ערבים... איר זענט דאָך דער ריף פון זייער ביין...

ר׳ הענעך

צעפלאַמט

מ׳דאַט זיך נישט בעסער געקאָנט ריכטן אויף די יוראָפּישע קעכנס מיט די דינסטמיידן, וואָס מ׳האָט דאָ אויפגעשפּילט, און זיינען אין די פעדערן.. אויף די אַנטלאָפענע פּערדס־גנבים וואָס אַלע טעפּ זיינען מיט זיי פול... איר זענט דאָך שוין געקומען נאָכן ערב רב... ווען ס׳האָבן שוין געגומען עולה זיין יידן, וואָס קאָנען אַריינקוקן אין אַ בלאַט גמרא... און דאָ פאַרפּלאָנצט אַ בוים אין דער מדבר... איר זענט אויך נישט קיין טריפהנער רב, אַ גלות, וואָס אַלץ איז ביי אים מותר: קאָן היינט דאַוונען אין אַ שול, און מאָרגן אין אַ תּיפלה... ס׳וועלן נישט זיין קיין יידן — וועט ער דאַוונען מיט גויים... אַ רב, אַ היימישער, אַ בן תּורה, מיט, קיין עין הרע, — אַ באָרד און פּאות... וואָס לערנט יעדן שבת בין מנחה למעריב מיט יידן משניות עם ברטנורה...

ר׳ איטשע

דאָרט ברענט מען יידן, מ׳ברענט די תּורה הקדושה, און דאָ באָדט מען זיך אין חתונות: גאָלדענע חתונות, זילבערנע חתונות, הילצער־נע חתונות... אַלץ וואָס ס׳פעלט זיי נאָך דאָ, איז — בריליאַנ־טענע חתונות, מיט בריליאַנטענע קרוינען אויף די קעפּ...

ר׳ הענעך

לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש

דאָס איז פאַר די הולטייסקי חתונה, אייערע...

ר׳ איטשע

און פאַר אַ צווייטן פרומען יידס חתונה.

ר׳ הענעך

פאַר די צעבאַלעוועטע בר־מצוות... פעסער וויינען... זיסן מעט... געשמדטע העלדזער... זולל וסובאריי... ווערט פון זיי אַרויסגעוואָרפן.

ניימאַן

שטייט דערשראָקן

טאַ־טע!

סיידי

שטייט צעטומלט

טאַ־טע!

ניימאַן

טאַקע אַן עוולה ביי אים... אָבער, אים דאַס באַדאַרפט פאַר־קוקן... זאָל דיינס איבערגיין... וואָרן, ער איז דער איינציקער רב וואָס האָט זיך צעבריקעט?... און באַדאַרפט אויסגיסן ס׳באַד פאַר די אַנדערע?...

ר׳ איטשע

סדום!

ר׳ הענעך

זיך כאָטש געמוזט קילן מיט דעם... אַזאַ הפקרות?...

ר׳ איטשע

און די מגפה פאַנעוועט רק צווישן די פרומע יידן, ביי די שטריימ־לעך, מיט די פאַרגלאָנצטע אויגן... זיי האָבן זיך אויסגעזוכט אַ הירתר, און האָבן אין דר׳ערד די שחיטות אויף יידן... דריי גאַרנדיקע שמחות... חי— געלעבט זאָל ווערן!

ר׳ הענעך

פעטש זיינען זיי אַלע ווערט... אַזוינע פעטש, אַז ס׳זאָל הילכן... אַ פראָסטער יונג, אַ גראָבער פליגל, — איז דער הילול השם נישט אַזוי גרויס... אָבער, אַ רב?... אַ מרא דאתרא ביי יידן?...

ניימאַן

די שול וועט דיר דאָס אַזוי שענקען? אַזאַ בושה?

ר׳ הענעך

מ׳וועט מיך משלח זיין פון איר? כ׳בין דער צענטער ייד צום מנין.. וואו וועלן זיי קריגן אויפן בלאַק אַן אַנדערן ייד?... דער רב וועט אויפשטיין אַזוי פרי, צו השכמה? כלי־קודש האָט ליב צו שלאָפן ביז נאָך ווארימס, און עובר צו זיין אויף זמן קריאת שמע.

### אַנקל מאיר

קראַצט זיך אין קאָפּ

געשלאָגן כפּרות מיטן רב, ווער וועט איצט געבן חופּה־וקדושין?

### ר׳ העניך

וואו בין איך? מער אָפּגעהיטענער פאַרן רב. חזניש מה טבו אהליך יעקב, משכנתיך ישראל.

### סיידי

ס׳רינען מיר וואַרעמע טרערן אויף די באַקן... אַ מאַמעס האַרץ ווייַנט... טייַלט אַרום ליכטלעך. זאָל איר זייַן ליכטיק אויפן גאַנצן לעבן, ווי ס׳איז איר אַצינד אַז זי גייט צו דער חופּה...

אַלע לאָזן זיך גייַן מיט די אָנגעצינדענע ליכטלעך אין די הענט, — אויפן רוף, זינגנדיק: „היר קאָמס טהי ברייד".

### מומע רחל

פאַרהאַלט זיך

דייטשישער ייִד... איר ווילט זיך דאָ אפשר אונטער לענען ס׳האַרץ מיט אַ גוטן עפּל, אַ באַנאַנע... שעמט זיך נישט... ס׳אַ חתונה... טייַלט זיי אויס. שוין דערביי האָבן אַן אויג אויף דער שטוב, אַז מ׳זאָל נישט אַרויסטראָגן די בעבּיכעס... אָפּ.

### מר. באַרענבוים

יאַ־יאַ... וויר בלייבען היר מיט די עפּל, באַנאַנעס אונד אַפּעל־סינען... עסט. איין פּירטל שטונדע איין לעמפּשייד איז זיבעצן צענט, און איינע באַנאַנע — פיפצען צענט... ווי קאָן מאַן אויפעסן איין באַנאַנע — עס איז דאָך איין גאַנצער לעמפּשייד...

### מרס. באַרענבוים

עס איזט דאָך איינע חתונה, פאַטער.

### מר. באַרענבוים

גיט איר צו עסן

יאַ־יאַ... די האָבען קיינע מיטלייד מיט דעם דאָלאַר... זאָ פיל באַנאַנעס... גיט איר. עסן זי, ביטע, מוטער... עס איז דאָך איינע חתונה...

מר. באַרענבוים

מיט אַן אָפן מויל

גרויסער גאָט! היער איזט דאָך איינע ניי־מאַשין... איינע זינגער מאַשין... בייגט זיך אַראָפּ, קושט איר. זי גיבט דאָך דריי דאָלאַר איינע שטונדע... מוטער, וואָס האָסטו צו נייען?... דייך אַלטן שלאָפראָק... מיינע הויזן... גאַנץ עגאָל... פאַרלייגט דאָס. מיינע אויגן זינד צו טריב, איך זע ניכט דיזען פאָדים אַריינצוציען... דאָס לעבלען איזט צו קליין... איך קאָן ניכט מער... איך מוז איין גרויסעס לאָך האַבען... נייט. גרויסער גאָט! היער קאָמט דער קלאָזקמאַכער... אין איינע מזלדיקע שעה...

מ׳הערט אויבן דאָס זאָגן פון די ברכות, און דערנאָך אַ געשרייעריי:

מזל טוב, — אַלע קומען אַריין.

שוירלי

טוט אויס דעם וועלאָן

מאַמע, כ׳גיי...

סיידי

נישט נעמען פריער עפּעס אין מויל אַריין? פאַרשעמען מיין אָרעמען שיינעם טיש?

נייטן

דיר נישט געזאָגט: אַז אַ מינוט נאָך דער חופּה, — איז זי נישט מער דיינע...

מייקי

נעמט איר אַרום

אַצינד איז זי מיינע...

סיידי

דורך טרערן

ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. איר שווער געהאַט, שווער גע־צויגן, ביז כ׳האָב איר דערצויגן צו דער חופּה, — אַצינד גיב איך זי דיר איבער...

ר׳ איטשע

טרינקט

בשעה מוצלחת.

**ניימאן**
טרינקט
אָמן.

**ר׳ הענעך**
ס׳זאָל פון זיי אַרויסקומען אַ לעבעדיקער דור.

**ר׳ איטשע**
טרינקט
אָמן, כן יהי רצון!

**סיידי**
נעמט פון טיש מאַנדלען מיט ראָזשינקעס, וואַרפט אונטער זייערע פיס, — און זאָגט מיט אַ שפּרוך
אייערע טריט זאָלן זיין געבענטשט, וואו איר וועט גיין און שטיין. האָבן מזל און ברכה פולע קוישן... גוטס אָן אַ מאָס און אָן אַ וואָג... וואו איר וועט אָנקומען זאָל שוין פון פריער זיין טאָג...

**מר. און מרס. באַרענבוים**
כאַפּן פון דער פאַדלאָגע
די זינד יאָ מעש־וגע.

**עסטעל**
גיט אַ נעם מאַרווינען אונטערן אָרעם
איך גיי אויך. אָפּ מיט אים זינגנדיק „עינקערס אווע״.

**ר׳ איטשע**
וואַרט, ער וועט דיר פריער געבן חופה־וקדושין. כע־כע... די קליינע ברענט, איז מלא פייער...

**4־עף**
אַז זי וויל דורכאויס דעם ים־פויגל, זאָל ער איר וואויל באַקומען. אָפּ.

**ר׳ איטשע**
גיסט־אָן גלעזלעך
אַנקל מאיר... און איר, דייטשישער ייד, אַ מויל בראַנפן? אויב אַ חתן פאַסט ביום החופה, — זענט איר יעדן טאָג אַ חתן... כ׳ווייס נישט, ווען איר עסט אַ מאָל... איר מוזט לעבן פון זיין הייליקן דוך... קיין מן פון הימל פאַלט נישט ביי אייך אויפן בוידעם... איך וואָלט מיך אויך צוגעכאַפּט צו אים... סיי, דורכן קוימען...

מר. באַרענבוים
טרינקט
יאָ, דיזער קלאָוק־יודע... ער מאַכט דריי דאָלאַר איין שטונדע... באַרעכנט מיט אַ בליישטיפט אויף פּאַפּיר, האַרט אונטער די אויגן. אין איין טאָג זינד פיר און צוואַנציק שטונדן... אין איין וואָך זינד זיבן טאָגע, זיבן מאָל פיר און צוואַנציק איז הונדערט אַכט און זעכציק שטונדן. אין איין מאָנאַט זינד פיר מיט איין האַלבע וואָך. זיבן הונדערט פיר און פופציק שטונדען. איין יאָר האָט צוועלף מאָנאַטן. צוועלף מאָל זיבן הונדערט פיר און פופציק — האָבן מיר ניין טויזנט אַכט און פערציק שטונדען. זאָגען מיר: פיר שטונדען יעדן טאָג שלאָפן, — פיר אַלטע לויטע איזט דאָס נאָך צופיל. צוויי הונדערט דריי און זעכציק טאָג, פיר מאָל צוויי הונדערט דריי און זעכציק? ניין טויזנט צוויי און פופציק שטונ־דען. פון ניין טויזנט אַכט און פערציק שטונדען נעמען זי אַוועק איין טויזנט צוויי און פופציק, האָבען מיר — זיבן טויזנט ניין הונ־דערט זעקס און ניינציק שטונדען. זיבן מינוט יעדן טאָג פיר דעם בית הכסא — מיר זינד קיינע גרויסע זולל וסובא. איז צוויי און פערציק און אַ האַלבע שטונדע. פון זיבן טויזנט ניין הונדערט זעקס און ניינציק שטונדען, זי נעמען דאָס צו — האָבן מיר זיבן טויזנט ניין הונדערט דריי און פופציק און אַ האַלבע שטונדע. דריי דאָלאַר פיר יעדע שטונדע, האָבען מיר איין און צוואַנציק טויזנט, אַכט הונ־דערט צוועלף דאָלאַר מיט פופציק סענט. וואָס איין קלאָוקמאַכער איזט?...

ר׳ איטשע
דער חשבון איז צדק. דער יהודי האָט עס צענומען ווי אַ זייגערמאַכער אַ קליין זייגערל.

מר. באַרענבוים
ס׳זאָל דונערן און בליצן, און איך מוז נאָך אויף דער אַנדערער וואָך זיין איין קלאָוקמאַכער.

אָנקל מאיר
אַ גרויסע תורה. ס׳זעלביקע ווי ביי אַ בעקער: ער נעמט אַ טייגל און מאַכט אַ בייגל.

נעמען זיך אַריבערטראָגן די ניי־מאַשין אין דער אַנדערער שטוב, וואו מ׳הערט דערנאָך נייען אויף איר.

ר׳ איטשע

כ׳ווייס גאָרנישט, מיט אַזאַ קאָפּ, — ווי אַזוי ער איז געקומען אַזהער אָן עני ואביון, און נישט מיטגעברענגט אַ פּאָר טויזנט מיליאָן... ער מוז זיין אַ באַהאַלטענער גביר, וואָס ליגט אויפן זאַק געלט ווי אַלע רעפּיודזשיס, און וויל זיך נישט אויסגעבן. זעצט זיך איבער אַ ספר.

ר׳ הענעך

קומט מיט אַ צענומענע צייטונג אין האַנט

יעדע רגע שטאַרבן טויזנטער יידן... ווי קאָן מען אַנכאַפּן דעם מלאך המות ביי דער האַנט, און ביי אים אַרויסרייסן די שווערד... ס׳איז גאָרנישטאָ מיט וועמען צו רעדן... וואו כ׳קום, קוקט מען מיך אָן ווי אַ גולם: וואָס קאָן מען טון?... שוין... זיי דאָ האָבן שוין אַוועקגעשטעלט די יידן... זיי אויפגעגעבן... די יידן לעבן נאָך, — און זיי דאָ האָבן שוין נישט מער פון וועמען צו רעדן... די יידן לעבן נאָך און דאָ רעדט מען שוין ווי פון טויטע יידן... מיליאָנען לעבעדיקע יידן, און זיי וויסן שוין דאָ, — אַז זיי וועלן נישט לעבן... זייער גורל דאָ איז שוין פאַרחתמהט... ווי קאָן מען דאָס אויסהאַלטן?... מ׳ברויך דאָך זיין פון אייזן און פון שטאָל... די געהירן אין קאָפּ דרייען זיך מיר איבער... וואָס טוט מען? וואו גייט מען און וואו שטייט מען?... די ערד ברענט מיר אונטער די פיס... אָפּ.

באַבי

מ׳הערט אים פון די אַנדערע שטוב

מאַרי... לייג מיר אַריין דעם וואָלענעם צוועטער... ס׳איז קאַלט אויפן ים...

סיידי, נייטן — קומען צוריק פון דרויסן.

נייטן

צעבייזערט

צווי מיט אַ האַלבן טאָג אינגאַנצן, איז זיך שוין דער האַלבער טאָג באַלד צעקראָכן — זאָל ער זיך דאָ ערשט באַזעצן מיט איר... אַ יידענע, אַ בהמה...

באַבי, מאַרי — קומען מיט וואַליזעס.

סיידי

שוין... ער פאַרנעמט זיך שוין אויך...

נייטן

פון שטעטל באַלד ווערן אַ דערפל.

באַבי

ווען כ'זאָל אַפילו נישט דאַרפן, וואָלט איך זיך אויך געריסן צו גיין... ווי קאָן מען דאָ זיין, אַז מ'הערט וואָס מ'טוט דאָרט מיט יידן?... ווען יענס יידן זיינען זיי, נישט מיינע?...

ר' איטשע

דו דאַרפסט ערשט אויפהייבן נ'קאָפּ, אַז ער גייט צולייגן אַ האַנט צו איר...

סיידי

מיט צענומענע הענט

נישט בלייבן מער ביי קיינעם.

באַבי

מאַרי מיטן קינד וועלן זיין דאָ, מיט דיר.

סיידי

דערפרייט

זי וועט וועלן? די שטוב דיינע וועט איר צוכאַפּן מיט ביידע הענט... און איך מיטן גאַנצן האַרץ... ס'וועט גלאַט זיין הימלעכער מיט דער בייבי... כ'וועל איר געבן די בעסטע טע־לער צו צעברעכן...

ר' איטשע

קראַצט זיך אין קאָפּ

איך וועל דאַרפן בעטן ביים שמש אַ באַנק אין שול, — כ'זאָל האָבן וואו דעם קאָפּ אָנלעקצולייגן... דאָס פּיצל וועט לאָזן ביינאַכט צומאַכן אַן אויג?...

באַבי

מיט מיין מאַמע אין שטוב בין איך ווי פריער, — ביי זיך אין דער היים... ווי כ'וואָלט קיינמאָל פון איר נישט אַרויס... כ'בין דאָרט אייגן מיט יעדן ברעקעלע... און דאָ, כ'ווייס?... ווי כ'וועל מיך פאַרדרייען וועט נישט טויגן... און אפשר קוקן קרום...

סיידי

בלויז מיטן קאָכן זיך דאַרפן אויסהיטן... נישט צעמישן די פליי־שיקע מיט די מילכיקע טעפּלעך... נישט אַריינברענגען קיין חזיר אַין שטוב... מיך אַרט נישט, נאָר די צוויי אַלטמאָדישע יוראַפּישע טאַטעס... זיי וועלן גלייך אויפהערן צו עסן... און דאַרפן הונגערן... דו וועסט דיך בלויז שפּילן מיטן פּיצעלע קינד... כ׳בין זיכער, אַז וואָס כ׳וועל קאָכן פאַר מיר וועט דיר אויך שמעקן...

מאַרי

מיט וואָס האָט מיין מאַמעס שטוב אויפגעהערט מער גוט צו זיין פאַר מיר?... ניינצן יאָר זיך געבאָוועט אין איר... קינדער־יאָרן... סקול־יאָרן... ביז כ׳האָב דיך דערקענט... וועל איך אַ ביסל צוריקגיין צו איר און זיין ווי אַ פייגעלע וואָס קומט צוריק אין איר היימיש שטייגל...

באַבי

כ׳גיי אַוועקסיעז... ווי לאַנג כ׳וועל דאָרט זיין, וויל איך דיך האָבן ביי מיין טאַטע־מאַמע אין שטוב, און נישט ביי דיינע...

נייטן

געכאַפּט

ה־אַ?

מאַרי

האַלדזט אים אַרום

כ׳האָב דיך צופיל ליב, אַז כ׳זאָל דיר קאָנען אָפּזאָגן... אָבער דאָס וועט מיך נישט צוריקהאַלטן, וואו כ׳זאָל נישט זיין: דאָ צי דאָרט, אַז כ׳זאָל נישט אַריינגיין אין טשוירטש מיט דיין נאָמען אויף מיינע ליפּן, און אים אויסקושן מיט זיי אויפן הייליקן צלם...

סיידי

ווישט זיך די אויגן

ווער ס׳איז איר מקנא...

מאַרי

אַז דו זאָלסט נישט זיין אין סוירוויס, וואָלט איך נישט באַדאַרפט זיין דאָ, נישט — דאָרטן, נאָר פאַר זיך... אַליין איז די נשמה ריין... זיך נישט היטן פאַר דיין מאַמעס כשרע טעפּלעך, און מיין

טאַטנס העם־און־אײגס... נאָר אויב ס׳וועט דיר דאָרט זײן גרינ־
גער אַז כ׳וועל דאָ זײן מיטן קינד, — וועל איך דאָ זײן... נישט
דאָ נאָר וואו ס׳זאָל נישט זײן: אויף אַ בוידעם... אין אַ קע־
לער... ס׳אַ טערמין אַזוינער... און אַז איך זאָל קאָנען
אַדורכשלאָפן די נעכט, און מײנע חלומות זײן קלאָרע ווען דער
טענק וועט דיך טראָגן אויף זיך אונטער רויטע הימלען, — וויל
איך ווידער, אַז דו זאָלסט האָבן דעם צײכן פון מײן גאָט אויף
זיך... און וויסן, אַז כ׳האָב דיך אָנגעטרויט צו אים...

סיידי

דערשראָקן

אַ צלמל אים אָנטון?

נייטן

ציטערט־אויף

ער גייט איבערן ים זיך נישט שפּילן מיט קיין ניסלעך... ווייסט,
וואָס אַ מלחמה מיינט?... חלילה, עפּעס, מ׳זאָל באַהיט ווערן,
און מ׳וועט זען ביי אים אַ צלם אויפן האַלדז?...

סיידי

באָבי איז אַ יידישער באָי.

באָבי

ברעכט־אויס

מיט וואָס בין איך אַ יידישער באָי?

נייטן

כ׳ווייס... דער טאַטע דיינער איז אַ ייד... נישט קיין פרום־
אָפּגעהיטענער, אָבער אויך נישט קיין טריפהנער... און די מאַ־
מע אויך... זי צינדט אָפּילו ליכט יעדן פרייטיק פאַרנאַכט...
און לייענט אָודאי אויך קריאת־שמע פאַרן שלאָפן גיין, וואָס כ׳ווייס
נישט...

באָבי

אין דיר האָט דער טאַטע עפּעס אַריינגעברענגט... אין דער מאַ־
מען, אויך...

נייטן

וואָס האָב איך אין דיר מער געהאָט אַריינצוברענגען?

באַבי

עפּעס אַ פּונק... אַ גלויבן... כ'זאָל נישט זיין צווישן הימל און ערד... זיך האָבן אין וואָס אָנצוהאַלטן... עפּעס, וואָס זאָל מיך אָנצינדן און פאַרברענען... און כ'זאָל קאָנען אַרויפ־פליען צו די הימלען...

ר' איטשע

ס'איז האָט געגומען רירן... קריעס גיין...

באַבי

דער זיידע, אַז מ'וועט ביי אים אָנרירן ס'יידישע, — וועט ער שטרעקן דעם האַלדז... וואָס האָט מיך דער ייד אויפצוקאָכן, אַז כ'זאָל מיך לאָזן הרגנען פאַר אים?...

נייטן

דו גייסט דיך נישט אַצינד מוסר נפש זיין פאַר יידן?

באַבי

ערשט אַצינד, אַז כ'האָב געזען ווי מ'ברענגט זיי אום, דערהערט זייער געוויין אין מיין בלוט — האָט עס מיך געגעבן אַ הייב אין לופטן, אַ הייב צו זיי און צו זייער געשריי...

ר' איטשע

ס'הייבט שוין עפּעס אָן צו בורען אין אים.

באַבי

אַז כ'בין געווען אין פּאַרט בעניגג, דזשאָרדזשע, פאַר בייסיק טריי־נינג, און ס'איז געקומען זונטיק אין דער פרי, האָבן דזשאָני, טאָני און מעק — געוואָוסט אויפצושטיין צו סוירוויסעס. דזשעקי סאָלי און איבי זיינען געבליבן שלאָפן. זיי האָבן נישט געהאַט צו וואָס אויפצושטיין... נישט זונטיק און נישט — שבת... דזשאָני איז דזשאָני, טאָני — טאָני, מעק — מעק, און דזשעקי, סאָלי און איבי?...

נייטן

נישט אַלץ איז ס'דאָוונען... ס'איז דאָ עפּעס מער... דער ייד פון דורות... ער דרימלט אַלעמאָל אין בלוט... און אַז ס'גיט זיך עפּעס אַ מאַך, דער הימל נעמט פאַלן איבערן קאָפּ, — קומט ער אויף ווי אַ לייב, אַן שאָקלען זיך צו שמונה עשרה... אַן

בענטשן נאָכן עסן... און אַפּילו אַן שאו ידיכם... אַן אַ בורא נפשות...

ר׳ איטשע

ליידיקע יונגען... אויסגעוואַקסענע באַדילעס פון קאַרטאָפל און מיט אַזוינע גוטע הערצער... וואָס מ׳האָט געקענט פון זיי מאַכן?... כ׳וויס נישט, וואָס ס׳האָט זיך דאָ געטון מיט די טאַטעס זייערע... זיי האָבן געהאַט אַן אוצר און איבם פאַררוכלעוועט...

נייטן

צופיל פאַרשוואַרצט געוואָרן... געיאָגט די קויל און איר קיינמאָל נישט געקאָנט אָנזאָגן... ווי אַזוי האָט אַ קינד געזאָלט קריכן אין קאָפּ ביי אַזוינע קורצע סעזאָנען?... נאָך אייידער מ׳האָט איינגעפּעדימט די נאָדל, אָנגעשאַרפט דאָס מעסערל, די שער, זיך רעכט דערוואַרעמט — זיך שוין באַדאַרפט פאַרנעמען פונעם שאָפּ... דאָ איז נאָך געלעגן איין חודש רענט אויפן אַנדערן, נישט קיין באַצאָלטע געז מיט עלעקטריק בילס, און די קאַליע האָט שוין אָנגעפּיפן...

ר׳ איטשע

אין דער היים, פּרנסה, איז אויך געווען קריעת ים־סוף... נו, האָבן טאַטעס נישט איינגעפּלאַנצט אין זייערע קינדער קיין יהדות?... זיי געשיקט אין אַ חדר... אַ ישיבה... אַראָפּגענומען ס׳העמד פונעם לייב און געצאָלט מלמדות־געלט... מיטגענומען ס׳קינד אין אַ בית־המדרש, צו אַ רבין, אַז ס׳זאָל עפּעס הערן, עפּעס זען... און נישט געלאָזט אויף הפקר... ס׳זאָל זיך כאָוועז מיט דער גאַס...

נייטן

ווי קומט דאָס היימישע לעבן צום היגן? נאָך סוכות, אַז מ׳האָט אָנגעשיט אַ פּאָר קאַרץ קאַרטאָפל אונטערן בעט, געהאַט צוויי פירלעך האָלץ אין קאַמער, אַ פעסל איינגעזייצט קרויט, — האָט שוין די שטוב געהאַט פון כל טוב ביז פּסח... און דאָ?... אין דעם געיעג, דאָ?... און נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק, — אויפן פּערטן־פּיפטן שטאָק, מיט באָרדערס... זי האָט געמוזט ליגן אין די טעפּ... קאָכן פּאַר זיי עסן, אַז מ׳זאָל אַליין אויך האָבן וואָס צו נעמען אין מויל אַריין...

סיידי

און צו דעם נאָך באַדאַרפט כאָוועז קינדער...

נייטן

אַז דאָס וואָלט זיך נישט געלייגט אַזוי שווער, אפשר אַנדערש געווען... איך האָב מיך פּאַרקוקט אויף חיימען, חיים — אויף בערלען, בערל — אויף לייבלען, לייבל — אויף זעליקן. זיי זיינען געלאָפן, און איך בין זיי נאָכגעלאָפן... מ׳איז אַלע געלאָפן, ביז מ׳איז אַוועקגעלאָפן פון די קינדער... נישט געזען ווי זיי וואַקסן... וואַקסן דיך אַריבער... און זיינען שוין מיט אַ קאָפּ העכער פון דיר...

סיידי

און צו דעם אַלעם אויפגעכאָוועט אַ זון, — זיך קיינער נישט ווינטשן צו קריגן אַ פּאַטש פון אים... די לאָקל־באָרד האָט זיך געשפּיגלט אין אים...

ר׳ איטשע

וואָס איז זיך דאָ דאָ איבערצונעמען?... יעדער גוי כאָוועט אויף אַ זון, אַ גיבור... די זאַך איז נאָר וואָס ס׳שטעקט אין דער גבורה זיינע...

מאַרי

קומט מיט זאַכן

געדענק, אַז דו לאָזט איבער אַ ווייב מיט אַ קינד.

סיידי

דורך טרערן

און, אַ מאַמע.

ר׳ איטשע

דריקט אים די האַנט

לך לשלום.

מאַרי

האַלדזט אים אַרום

זאָלסט דיך נישט רייסן אין פייער אַריין... זיך אַרויסשטעלן פאַר אַנדערע... ס׳קאָכט צופיל אין דיר... כ׳וויל נישט קיין צען טויזנט דאָלאַר פאַר דיר... אַפילו נישט קיין הונדערט מיליאָן... כ׳וויל נישט טראָגן קיין אָוקליף קלאָוסטער, קיין

פוירפל הארט, קיין שום אַנדערע מעדאַלן... כ׳וויל דיך... דיך... דיך... אָפּ מיט אים.

נייטן
זיי נאָכגייענדיק
דהרגע דייטשן... ממית זיי... וואָרן זיי זיינען דער מלאך המות פון די יידן...

סיידי
פאַרבראָכן
כ׳זאָל אים נאָך דערלעבן צו זען אין שטוב, צוריק... ליגט אַראָפּ דעם קאָפּ אויפן טיש, און צעכליפּעט זיך.

ר׳ איטשע
דערטייטנט
ס׳איז נישט סתם קיין מלחמה... ער גייט זיך שלאָגן פאַר יידן... יידישן כבוד... פאַר יידיש בלוט וואָס גיסט זיך ווי וואַסער...

פון די אַנדערע שטוב רייסט זיך אַריין דער אָנקל מאיר און מר. באַרענבוים.

מר. באַרענבוים
געכאַפּט
ניש מעגלעך.

אָנקל מאיר
נישט מעגלעך איז — פּיפּיקלעך. באַווייזט אַ פּעי־קאָנוועט. פיר און דרייסיק מיט אַ האַלבע שעה — הונדערט און אַכט־און־דרייסיק דאָלאַר.

ר׳ איטשע
ביי וועמען ס׳איז יום־כיפור, און ביי וועמען — שמחת תורה.

פאָרהאַנג

## צווייטער אַקט

### אַ קאַרג יאָר דערנאָך

### אין דער אייגענער שטוב

עסטעל

פאַרקאָכט אין שרייבן, זינגט־צו

צו מיין זיסן באָי. דאָ איז נאָך אַלץ אַזוי: דריי דאָלאַר אַ פּאָר ניילאָן זאָקן. בלויז אַרויפצונעמען אויפן פוס און אויף צו שטיין. אַז מ׳נעמט נאָר גיין — האָט מען גלייך אַ ריפּ. די זון איז נאָך אַלץ אַזוי שיין ביים ים, נאָר דאָס באָדן זיך האָט נישט קיין טעם... נישטאָ קיין איין יונגער באָי. בלויז מיידלעך און אַלטע לייט... דער גאַנצער ים איז פול מיט מיידלעך...

סיידי

וואָס פאָרעט זיך ביים אַרויפשטעלן אויפן טיש

אַ מיידל זאָל נישט נמאס ווערן צו שרייבן בריוו אויף אַלע שיפן, און צו די גאַנצע וועלט מיט זעלנער...

עסטעל

מ׳האַלט אונטער די באָיס.

סיידי

זיצט ביי זיי אויף צו גאַנצע נעכט, און קאָן נישט אין דער פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט. מ׳האַקט זיך אָפּ די הענט פאַר אַ שטיקל מענטש, און מ׳שיקט איר פון אומעטום אַהיים.

עסטעל

וואָס ווייסן די באָסעס פון אַ יונגן רויט־האָריקן באָי, וואָס ליגט אין פאָקס־האָל ביי זיין מאַשין־גאַן, — מיט זיינע גרויסע ווייַנענדיקע אויגן, איינגעקורטשעט האָרץ און צעפּלאָשעטע האָר... אַז מ׳טראָגט אים צו אַ בריוו מיט אַ פּיקטשע פון אַ יונג, שיין זיבעצן יעריק מיידל, — דעמאָלט קאָן ער שיסן! און די פיס צאַפּלען ביי אים מיט יעדן קנאַל פון דער ביקס.

סיידי

וויפיל בריוו מיט פּיקטשעס האָסטו נעכטן אַרויסגעשיקט צו די באָילעך.

עסטעל

אַוודאי דריי און זיבעציק.

סיידי

אויף זיבן מיליאָן באָיס? ס'אַ שפּיי אין ים.

עסטעל

ס'זענען דאָ אַזוינע ווי איך אויך, אין די מיליאָנען, וואָס שרייבן.

א רופן

פון דרויסן

טהי אַרמיי איז קאָלינג! טהי נייווי איז קאָלינג!

עסטעל

דער מייל־מאַן. אָפּ ווי אַ ווינט.

סיידי

זינגט נאָך ווי אין דרויסן

טהי נייווי איז קאָלינג! טהי אַרמיי איז קאָלינג!

עסטעל

קומט מיט פולע הענט בריוו

דער איז פון לאָנדאָן, ענגלאַנד. דער פון אײַסלאַנד. פּוירל־האַרבאָר. גוואום. סאָלאָמאָן־אײַלאַנדס. פּאַרטיפּט זיך אין לייענען.

סיידי

פּאַרטון

וואָס איך האָב פון איר אַרבעט, — ווועל איך נישט האָבן...
כ'דאַרף עס אויף כפּרות... די פּעי ווערט ביי איר פאַרברענט, —
נאָך איידער זי קומט אַהיים מיט איר. נאַר פאַר זיך, — אַ לאָלי־פּאָפּ, זי זאָל האָבן וואָס צו נאָגן! אַ שקאָרמיץ מיט פּאַפּקאָרן!
טשואינג־גאָם!

די מומע רחל

קומט אַריין, גייט אין די זאָקן

כ'ווייס נישט, צי כ'דאַרף נאָך זיצן שבעה, אָדער כ'בין איר שוין אַריבערגעזעסן מיט אַ שעה. ....

סיידי

דער טאַטע קומט באַלד פונעם דאַוונען, ס'מוז אַוודאי זיין אָנגעשריבן ביי אים אויף דער נאָז.

מומע רחל

מ'האָט אים נישט משלח געווען פון שול, צוליב די געשוואָלענע באַקן און בלאָע אויגן. וואָס ער האָט אים געמאַכט?

סיידי

זיי האַלטן פון אים מער ווי פון רב.

מומע רחל

קערט איבער ס'בענקל, זעצט זיך דערויף

אַז ס'בייכל איז שוין ביי איר געהאַט אַנגעוואָקסן ביז צו דער נאָז, איז זי געפלויגן צו אים קיין סאַן־פראַנציסקאָ. וואָס אַ מאַן איז?

סיידי

כ'בין געווען זיכער, אַז די קאָמפּאַני וועט איר נישט וועלן נעמען, אָדער זיך הייסן באַצאָלן פאַר צוויי... ווי ס'מאַכט זיך?...

מומע רחל

וואָס טוט מע, אַז זי קריגט ווייען אויפן עראָפּלאַן? מ'דאַרף האָבן אַ ביסל וואַסער, און דאָ איז מען, וואָרן, מ'וויסט, וואו מ'איז? נישט אויף דר'ערד און נישט אויפן הימל, נאָר ערגעץ צווישן די וואָלקן...

סיידי

כ'האָב מער מורא געהאַט פאַר דעם פאָרן, אַז ס'זאָל איר נישט צעשאָקלען, ווי פאָרן האָבן. ס'האָבן איז בלאָטע! מיט דעם גערעדט זי אַריין אין מיין מאַנס שוועסטערן: זיי פלעגן גיין און שטיין און פארלירן די קינדער, וואו ס'זאָל נישט זיין: אין דער גאַס, ביי יענעם אין געוועלב, און דאָס באַדאַרפט אַהיימברענגען אין פאַרטוך. בלויז פאַר אַ שלעכט אויג אויסגעליגן די אַכט טעג אין בעט. געקאָנט אַראָפּגיין אויף צו מאָרגנס צו דער באַליע מיט גרייט.

מומע רחל

קיין עין הרע, אַ יונג — כ'וויס גאָרנישט, וואו ער האָט זיך ביי איר אַהינגעטון. באַלד גרעסער פאַר איר אַליין.

סיידי

כ'האָב איר אָנגעזאָגט: זי זאָל זיך נישט זעצן אין אַן עק פונעם עראָפּלאַן, נאָר אין מיטן. זי האָט נאָך געקאָנט אַריבערשווערן אויף אַ זייט, ער זאָל זיך מיט אַלע איבערקערן...

מומע רחל

כע־כע... גרויס איז זי ווי אַ פּלאַטקעלע, און נאָך גרויס געטראָגן אויך, — איז שוין באַלד נישט מער געבליבן פון איר ווי ס'בייכל. מ'האָט שוין באַלד אויף איר נישט מער אַנגעזען ווי ס'בייכל. אַזוי ווי זי וואָלט אונטער דעם אײנגאַנצן אוועקגעקומען. ס'בייכעלע גייט, ס'בייכעלע הייבט זיך, ס'בייכעלע קאַטשעלט זיך...

סיידי

און זיך אַזוי גרינג אויסגעליידיקט...

מומע רחל

און מיט מזל געוואָרן אַ באָבע פון ביידע עקן: ביי דער טאָכטער און די שנור, אויף אַ מאָל. אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך ביידע אָפּגערעדט.

סיידי

געטראָפן

אויף שוירליס חתונה איז באָבי פונקט געווען אויף פוירלאָ, ער זאָל זיך אָפּפרייען מיטן ווייב, — איידער מ'פּאַרשיקט אים איבערן ים. ווי לאַנג איז? צען חדשים. כ'קאָן זיי אָנציילן אויף די פינגער...

מומע רחל

פאַר מיר דאַרפט איר רעכענען? און פאַר די ווייבער אין דרויסן, — זאָל זיי די מיילער פון אונטן שטיין. און זיך אַליין נאָכקוקן.

סיידי

נישט קיין יידישע און אַזוי געטריי, אסור, — אויב אַ הונט איז אַזוי געטריי. זי וואָלט זיך געלאָזט אַרויסנעמען ביידע אויגן פאַר אים.

מומע רחל

כ'ווייס נישט, וואָס זי האָט זיך אַציינד, אַז זי האָט דעם מאַן דאָרט, אויפן ריכטיקן אָרט, — געהאַט צו באַנגאַרישן מיט נאָך אַ קינד... מיר, ווייבער, אין דער אַלטער היים, — זיינען געווען גרויסע פערד. נאָך איידער מ'איז אַרויס פונעם בעט, — האָט מען זיך נאָכגיכער צוריק אַריינגעלייגט אין דעם... גאָט

האָט געגעבן, און מיר, אַלטע קי, האָבן געכאַפּט מיט בײדע הענט.
אָבער זײ דאָ זאָלן זײן אַזױנע טשאַלקעס?

ר׳ איטשע

קומט אַרײן, אָנגעטון אין אַן יוניפאָרם פון דער װעסטערן־יוניע

צו דרײ און זיבעציק יאָר בײ זײ געװאָרן אַ מעסענדזשער באָי. כ׳האָב זײ אַ קאַפּיטשקע געפירט אין באָר אַרײן. איבער די פינף און זעכציק נעמען זײ נישט. און כ׳האָב זײ אָפּגענאַרט מיט גאַנצע אַכט יאָר. זײ האָבן מיך געהײסן ברענגען אַ מענטריקע, — פאָלג מיך אַ גאַנג! פאַר קײן כמעלניק נאָך אַ מענטריקע! װער װײסט, צי ס׳איז נאָך דאָ אַזאַ שטאָט אויף דער װעלט? און צו זי ליגט שױן דאָרט נישט מיטן בײלעק קאַפּויער? אַ בלינדער קאָן זען אַז כ׳בין עלטער, נאָר זײ האָבן זיך נישט געמאַכט זעענדיק... ס׳טויג זײ, מסתמא, אַזױ אויס צום דזשוביקער.

עסטעל

מ׳האָט אױעקגענומען אַלע באַיעלעך איבערן ים, און די מאַמעס צו דעפּענס, — זוכן זײ זיך אָנצוכאַפּן אין װעמען ס׳זאָל נישט זײן: אַ לאָמען, אַ קרומען, אַ שטומען...

ר׳ איטשע

כ׳האָב מיך אָבער אויסגענומען, אַז קײן שלעכטע בשורות טראָג איך נישט... דערצו בין איך נישט זײער מענטש... מיסינג אין עקשען, קילד אין עקשען, — איז נישט פאַר מײנע כוחות. איך װיל זײן אַ גוטער שליח. און קומען מיט אליהו הנביאס שליחות: פּוירלאָ, קאַמינג האָום. ס׳זאָל װערן ליכטיק אין די הײזער. און מ׳גיט טאַקע אויך עפּעס דערפאַר... מ׳שטופּט אונטער...

סײדי

זײ האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געבעט צו די װײבער, — מ׳זאָל לאָזן שטײן די טעפּ מיט די טעלער, און זיך נעמען צו צעטראָגן די טעלעגראַמען כאָטש דרײ שעה אין טאָג.

מומע רחל

איך װאָלט אַלײן אויך געגאַנגען.

ר׳ איטשע

טוט אויס ס׳היטל, פאַררוקט ס׳קאַפּל אויפן קאָפּ, זעצט זיך איבער אַ ספר.

סיידי

אַ פול היטל מיט טעלעגראַמען, און ער גייט זיך דאָ באַזעצן?

עסטעל

די באָיעס וועלן פריער אָנקומען אַהיים, פאַר זיי...

מומע רחל

די וועסטערן יוניע זאָל דאָס וויסן...

סיידי

וועט ער מעגן אויסטון די הויזן מיטן רעקל.

ר׳ איטשע

נו, מילא... איז, נישט געפילט פיש... איך בין זיך נישט געגאַנגען בעטן ביי דער וועסטערן יוניע, נאָר זי איז געקומען צו מיר... ס׳איז נאָך אַלץ בעסער, אַז זיי וואַרימען זיך אויס ביי מיר, ווען כ׳זיץ איבער אַ ספר, — ווי ביי די אַלטע איירישע שיכורים וואָס ליגן מיט זיי אין סאַלון, און גיסן אין זיך אַריין ס׳ביר...

סיידי

זיך אַזוי לאַנג האַלטן אויפן דזשאַב ווי עסטעל אויף אירן... מ׳קאָן פון זיי ביידע אַ סך האָבן...

עסטעל

מיט אַ מאָל

זיידע, ווי אַלט ביזטו?

סיידי

זאָג: ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, שיקסע.

ר׳ איטשע

דריי און זיבעציק יאָר. מ׳קאָן זיי נישט אָנטאַפּן אין די קנייטשן פון מיין פנים?

עסטעל

און נאָך אַזוי טשאַרמינג.

ר׳ איטשע

מ׳דאַרף זיך נישט לאָזן.

עסטעל

דזשי, ווען ער זאָל זיין מיט איין־און־פופציק יאָר יינגער.

ר׳ איטשע

באַהיט זאָל איך ווערן... זיך נאָך אַ מאָל גיין אָוועקשטעלן פון פאָרנט? כ׳האָב שוין מיין חלק פיש און מיין חלק פלייש אויפגעגעסן... מוחל!

עסטעל

לאָמיך זען דיינע מאָסלס... אום... די וועסטערן־יוניע וועט דיך אַרויסוואַרפן — דיך די שיפּ־יאַרד צו־כאַפּן מיט ביידע הענט.

ר׳ איטשע

צו וואָס...

עסטעל

טו בילד שיפּס... באַטל־שיפּס!... דו וועסט זיי מאַכן און איך וועל זיי פירן... זיין זייער קעפּטעין אויף אַלע ימים... שטייפט זיך. העי, קעפּטעין! טהעי קאַמינג דאַון פראָם טהי סקייס!... פייער!

א רופן

פון דרויסן

טהי נייווי איז קאָלינג! טהי אַרמיי איז קאָלינג!

עסטל פאַרשווינדט.

סיידי

מ׳האַקט זיך די הענט אָפּ פאַר אַ שטיקל מענטש, און מ׳ברויך אָנשטעלן עקסטרע העלפּ אויף צו צעטראָגן די זעק מיט ברויט, וואָס קומען אַריין פון די זעלנער פאַר די מיידלעך.

עסטעל

קומענדיק מיט פולע הענט, ברויט

דאָס איז ס׳גאַנצע לעבן זייערס, די זעלנערס. פאַרטיפט זיך אין לייענען.

מומע רחל

שאַרט זיך צו

ר׳ איטשע, נאָך אַ ווײַלע. כ׳מעג מיך שוין אויפהייבן פון דער שבעה, צי כ׳דאַרף נאָך זיצן אַ שעה.

ר׳ איטשע

פאַרמחט

ס׳האָט נישט ווער צו פאַרקויפן די זאַקן ביי אַרנאָלד קאָנסטייבל? זיי וועלן נאָך פאַרלעגן ווערן, און זיך צעקריכן ביי די מיידלעך אויף די פיס?

עסטעל

צעפלאָמט

וו־האָט עי באָי... ער איז זעקס מיט אָ האַלבן פוס הויך...

סיידי

האָסט אים געמאָסטן?

עסטעל

אַזוי שרייבט ער...

סיידי

וואָס ער שרייבט...

עסטעל

ד־האָט בלאָע אויגן... אָ ווייס פנים... ער ד־האָט מיך בל־ויז געזען פון דער פיקטשע, און וויל כ׳זאָל גלייך קומען צופליען מיט אים חתונה האָבן אין פאָקס־האָל... ביים מאַשין־גאַן... מאָ, זאָל איך פליען צו אים? ער איז אין די פיליפּינען.

סיידי

צעלאַכט זיך

כאָ־כאָ־כאָ... כאָ־כאָ־כאָ...

מומע רחל

נעמט די שיך אויף די פיס אַרויף

נישט די מלד־חמה וואָלט ער נאָך געלעבט. זי האָט אים דערקירצט די יאָרן. געווען זיין מלאך המות.

ר׳ איטשע

זיך איבערגעקערט ביים מאָשינדל, אָ? אָפּגעזעסן ביי דעם זיבעצן שעה, ביז ער איז אָרונטערגעפאַלן ווי אָ ליידיקער זאַק, און אויסגעהויכט זיין קל־אָקמאָכערישע נשמה... ס׳אַפילו נישט געווען ווער ס׳זאָל אים אויפהייבן...

סײדי

מ'האָט עס אים באַדאַרפט מיטגעבן אין גרוב אַרײַן, ער זאָל דאָרט האָבן אויף וואָס צו רײַטן.

ר' איטשע

יעדער קלאָוקמאַכער וואָלט זיך געווינטשן צו שטאַרבן בײַם מאַ־שינדל. אַזאַ טויט? ער וועט דערויף זיכער גלײַך קומען אין גן־עדן אַרײַן...

מומע רחל

ער האָט זיך אַזוי פֿיל אָנגעליטן פֿון די לאַנגע סלעקס, ביז גאָט האָט צוגעשיקט די מלחמה, און ס'איז געוואָרן ביזי בײַ קלאָוקס, — איז ער דערצו צוגעפֿאַלן ווי אַ הײַשעריק, און עס אײַנגאַנצן גע־וואָלט אַרײַנכאַפּן אין זיך... אים מער נישט געקאָנט אַוועק־רײַסן דערפֿון...

סײדי

מאָנטיק קלאָוקס, דינסטיק קלאָוקס, מיטוואָך קלאָוקס, דאָנערשטיק קלאָוקס, פֿרײַטיק קלאָוקס, שבת און זונטיק קלאָוקס, — און נאָכן טאָג אַרבעט, ערשט גײן מאַכן אַ דזשאָבל אין אַן אַנדערן שאַפּ.

ר' איטשע

האָט ער דאָך געמוזט נעמען וואַקײשאַן... זיך אַ ביסל גײן אָפּרוען די בײנער...

מומע רחל

צערײַצט

זיך מער אָרומגעדרייט ליידיק ווי געווען פֿאַרנומען... ווען האָט ער געאַרבעט מיטן פֿולן מויל? אין דער ערשטער מלחמה. און בײַ דער צווייטער, אַז ער האָט געוואָלט צענעמען די הענט, — האָט עס אים אַוועקגעלייגט... שוין געווען צו אַלט פֿאַר איר... אײַנגאַנצן געהאַט צוויי מלחמות... ס'האָט צו לאַנג געדויערט פֿון איינער ביז צו דער צווייטער... גאַנצע פֿינף און צוואַנציק יאָר... אַז ס'וואָלט געווען נאָך איינע כאָטש צווישן די בײ־דע, — וואָלט ער געקאָנט נעמען אויף זיך אַ הויט...

ר' איטשע

לאַכט

כאַ־כאַ־כאַ...

מומע רחל
געשלאָגן

אַז דער מענטש זאָל זיך וועלן באַקלערן: וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, ער איז אינגאַנצן, — וואָלט ער אַזוי איינגעריסן? מיט אַ קרעכץ. דריי יידן בלויז געהאַט אויפן בית עולם צו דער קבורה.

ר׳ איטשע

ס׳וועט איצט ווער אַוועקוואַרפן די מלאכה, און זיך מיט־כאַפּן אויף אַ גוט־אָרט, — טון אַ חסד של אמת צו אַ טויטן, ווען ער זאָל אפילו זיין אַן אייגענער ברודער? יעדע שעה איז געוואויגן און געמאָסטן.

מומע רחל

געמוזט בעטן ביי אַ גוי, — ער זאָל אים העלפן צו־טראָגן צום גרוב.

סיידי

געווען אַ פערד זאָל ער קייען די ערד.

ר׳ איטשע

נאָך איידער מ׳האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן די ערשטע לאָפּאַטע ערד, — האָב איך אַריינגעשריגן צו אים אין קבר: הונדערט מיט אַכט־און־דרייסיק דאָלאַר פאַר פיר־און־דרייסיק מיט אַ האַלבע שעה, און דו גייסט דיך אַריינלייגן אין דר׳ערד אַריין? ווּעסט קאָנען אין איר אַיינליגן? ס׳וועט דיך נישט אַרויסוואַרפן? לאָזט זיך גיין.

סיידי

וואָס וועט זיין מיט די טעלעגראַמען? דו קלערסט זיי נאָך היינט אָפּצוטראָגן? ס׳איז דאָך פוירלאַ... קאַמינג האָום...

ר׳ איטשע
פאַרוואָלקנט

דו ביזט זיכער, אַז ס׳איז פוירלאַ? און אַז מיסינג אין עקשען? צי, חלילה, נאָך עפּעס ערגערס... כ׳קאָן אַ סך וויסן וואָס ס׳טוט זיך אין זיי? אָפּ.

עסטעל
לייענט אַרויס

צו מיין זיס מיידל... כ׳האָב ביים לייענען דיין בריוו געזען פאַר

זיך אַ מלאך ... מאַ, אַ מלאך! כ'האָב דיינע ווייסע פליגל פאַר־
צויגן איבערן קאַנאַל, און ווי ער האָט געשאָסן ... דזשי,
פּייער איז געפלויגן פון זיין מויל ... די ערד געציטערט ...

מייבל

פאַלט אַריין

עסטעל? האָב איך פאַר דיר אַ באָי?

עסטעל

עי סיילאָר?

מייבל

עי פליייער!

סיידי

אַזוי גרויס מזל האָסטו געהאַט צו דעם אַרומפליער דיינעם, —
אַז דו גייסט איר אויך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַ פליער?

מייבל

און אַז ער האָט ערגעץ אַראָפּגעקראַכט מיט זיין מאַשין, — האָב
איך נישט גלייך געקראַגן קיין אַנדערן?

סיידי

עלף וואָכן נאָכדעם ווי דיין מאַן איז דיר אומגעקומען? דאָס
יונגע בלוט זיינס איז נאָך נישט פאַרקילט געוואָרן ...

מייבל

און אַז ס'האָט זיך מיר געמאַכט זיצנדיק אין אויטאָמאַט, ביי
אַ שטיקל טאָוסט און אַ קאָפּי קאָפּי אַ צווייטער באָי, — אַ שיינער,
אַ גוטער, וואָס האָט מיך נישט געוואָלט אָפּטרעטן, נאָר כ'זאָל
גלייך מיט אים חתונה האָבן?

סיידי

אין אויטאָמאָט?

מייבל

און אַז כ'וואָלט געוואַרט אַ יאָר, אים דערמיט גרינגער גע־
מאַכט? ... כ'האָב נישט געקאַנט אַנדערש ... ער באַדאַרף אין
אַ פּאָר טאָג אַרום צוריק אַרויף אויף דער שיף, זי איז בלויז דאָ
אויף צו פאַריכטן, — און ער וויל זיך פריער איבערשלאָפן מיט
מיר, וועל איך אים הייסן וואַרטן ביז די שיף וועט צוריק קומען

מיט אים? און אַז זי וועט נישט צוריק קומען?... אַ ניינצן יעריקער... די מילך ליגט אים נאָך אויפן פּנים... און פאַר־וואָס זאָל ער אַפילו נישט האָבן געוואוסט וואָס אַזוינס אַ ווייב איז?... און אַזאַ יונג ווייב מיט אַזאַ שיין יונג לייב?...

עסטעל

מיט אַ מאָל

דו ווייסט, וואו כ'קאָן מיך טרעפן מיט אים?

סיידי

זי איז שוין אויכעט גרייט...

מומע רחל

אַ מצווה צו טון אין אַ יונגן באָי...

סיידי

דו זאַלסט נישט גלייך צופאַלן צו אים, ווען ער האָט אַפילו גאַנצע פינף טעג...

עסטעל

און אַז שוירלי איז צוגעפאַלן צו אים, ווען ער האָט נישט מער געהאַט ווי צוויי מיט אַ האַלבן טאָג...

מייבל

דורך טרערן

דזשעקי, מיין ערשטער מאַן, איז געווען אַ פּלייער, און פרענקי, מיין איצטיקער מאַן — איז אַ מאַרין. סאַם מאַרין! עי דזשאַנגל פייטער! ער רייסט זיך נאָר צו אינווידן יאַפּאַן. ער האָט גע־האָט שטעקן אַ האַנט ביים פאַרנעמען גוואַדאַקאַנאַל. ווען מ'דאַרף אינווידן אַן איילאַנד — מוז מען אָנקומען צו אים. ער וויל אַליינער אַליין אָפּנעמען אַ שטיק ערד ביי די דזשאַפּס, און אויף דעם אַרויפשטעלן דעם אַמעריקען פלעג.

סיידי

ער איז כאָטש אַ יידישער באָי?

מייבל

איך ווייס?

סיידי

האָט אַ טאַטן, אַ מאַמע, שוועסטער, ברידער?...

מייבל

**איך ווייס?**

סיידי

**און ווי אַזוי גייט אַ מיידל איין...**

מייבל

**פינף טאָג נאָך דער חתונה, האָט אים די שיף ביי מיר צוגענומען, אויף צו אינווײדן אַן אײלאַנד אין פּאַסיפיק... און ווען האָב איך דאָס אַלץ געקאָנט דערגיין ביי אים, — אין די פינף זיסע האָניק־טעג? ווען ער האָט אויסגעקושט יעדע האָר מיינע פונעם קאָפּ? מיר אויסגענאָגט יעדעס ביינדעלע... און זיינע דינע פינגער האָבן געציטערט איבער מיין לייב... דעמאָלט האָט מיר דאָס אַלץ געזאָלט ליגן אין קאָפּ?**

מומע רחל

**איר מיינט, אַז ס'איז נישט קיין גאָטס רחמנות אויף זיי?**

מייבל

דורך טרערן

**אַ סך מאָל כאַפּ איך זיך אויף ביי נאַכט, און האָב פולע אויגן... ס'קישן איז נאַס... שוין צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט אויף מיינע זיבעצן יאָר, און בין אַליין אין בעט... כ'הער דאָס ציטערן פון מיינע פיס און אויך פון די הענט... ס'האַרץ אַנטגייט מיר פאַר דזשעקי, פאַר מיין ערשטן מאַן... ער איז זיך אַליין געלאָפן אויפגעבן אין עיר־קאָר... ער וויל אַרומפליען אין די וואָלקנס... שוין געהאַט עי דיסטינגווישד פלייאינג קראָוס, און אויפן זיבן־און־דרייסיקסטן מישען מער נישט צוריקגעקומען מיט אים... געהאַט אַ פּנימל פון אַ קינד... עס האָט אַלעמאָל געלאַכט ווי ביי אַ קינד... שמאַלע אַקסלען, אויסגעצויגענע... אין די פאָר טעג וואָס ער איז געווען מיין מאַן, האָט ער זיך אַזוי צוגעקלעפּט צו מיין לייב... עס געהאַלטן אין איין קושן און לעקן... זיך נישט געקאָנט זאַט אָנעסן דערמיט... זיך אַזוי פאַר־שיכורט, אַז נאָר די פליגל פון אַן עראָפּליין האָבן אים געקאָנט אויפוועקן מיט זייער רוישן און אָוועקרייסן דערפון...**

מומע רחל

דורך טרערן

**אויסגעווייינטע קינדער ביי מאַמעס...**

מומע רחל

אַכצן, נײַנצן, אײן־און־צוואַנציק יעריקע.

סיידי

דורך טרערן

און די שאַרקס עסן זײ, נעבעך, אויף.

מייבל

געדאַרפט זײַן אײן־אײנציק בײַ זײַן מאַמע, און די שטוב איצט געבליבן אויף אײביק אַלײן מיט איר.

סיידי

אָפּגעשניטן איר לעבן ווי מיט אַ מעסער.

א רופן

אין דרויסן

די נײַוווי איז קאַלינג! די אַרמיי איז קאַלינג!

עסטעל פאַרשווינדט.

סיידי

דאָס איז אַזוי אַ פּאָר מאָל אין טאָג... יעדער צוג, וואָס קומט אַרײַן, יעדער עראָפּלײן, שיף — ברענגט איר עפּעס... אַזוי ווי זײ זאָלן נישט פירן קײן האַרמאַטן, קײן קוילן, קײן ביקסן, קײן טויטע זעלנער, קײן לעבעדיקע זעלנער, נאָר בריוו...

מייבל

אַז זי וועט אים נאָר מיטען, — נישט זײַן מער פאַרקאָכט אין שרײַבן... ס׳קעפּעלע זיך בײַ איר גלײַך פאַרדרײען... ער איז שײן, הויך, דין, ענד עי פּרײַוועט פּוירסט קלעס אין עיר־קאָר.

סיידי

זי וועט נעמען אַ פּראָסטן זעלנער, ווײַל ער פליט אין די הימלען? ווען ער זאָל כאָטש, צו דעם וואָס ער איז אַ פליער, — אויך זײַן אַ מאַרין און אַ סײלאָר, אַלץ־אײנאײנעם און אויף אַ מאָל...

עסטעל

קומענדיק צוריק מיט פולע הענט בריוו

די מאַמע ווייסט פון אַזאַ באַי וואָס איז אַ פלײער, אַ סײלאָר און אויך אַ מאַרין?

סיידי

ווילסטו אים אַריינכאַפּן? אַ צו גראָבער ביסן. ביזט נאָך אַ צו יונג מיידל...

עסטעל

און כ׳וועל מיך נישט דערשטיקן מיט אים.

סיידי

נעם דעם פּאָר עף, וועסט מיט דעם אַלעם באַגליקט ווערן...

עסטעל, מייבל

ברעכן־אויס מיט אַ געלעכטער

ביים פּאָר־עף?

עסטעל

ווען כ׳וויס צו שטאַרבן מיט אַ יונגן טויט, האָב איך אויך נישט חתונה מיט אים...

סיידי

זי מיינט, אַז ער וועט נישט קריגן אַזאַ משלחת... טויזנט מיידן אויף איין שטיקל בּאַי...

מומע רחל

צען טויזנט!

סיידי

הונדערט טויזנט! אַז דו ביזט דיך געווען באָדן אין קוני איילאַנד, — וויפיל באָיס האָסטו דאָרט געקאָנט זען? צי אין ראַקאָוועי? אַלע ימים זיינען פול מיט מיידלעך און אַלטע לייט... באָיס?

עסטעל

זיי וועלן דאָך אַ מאָל אַהיימקומען...

סיידי

אַז ס׳וועט זיין נאָך דער מלחמה... און ערשט אַן די הויזן... די הויזן וועלן זיי איבערלאָזן דאָרטן... און די וואָס קומען פריער קומען אויף קראַטשעס... ווילסט בעסער אַ באָי אויף קראַ־טשעס?... זאָלסט אים אַרומפירן אויף אַ וועגעלע מיט צוויי רעדלעך...

עסטעל

אַלץ בעסער ווי אַ פּאָר־עף... כ׳האָב אויף וואָס צו ווייזן...

סיידי

איין פוס אַרויס, דעם אַנדערן, — אַריין... אַן אַקסל אויף אַ פּאַדפּאַרע... אַזאַ יאָר אויף אַלע שונאים.

עסטעל

וואָס האָסטו דיר אַריינגענומען דעם פּאַר־עף אין קאָפּ? מיט וואָס האָט ער דיך אַזוי פֿאַרכישופֿט?...

סיידי

כ׳קען די מאַמע זיינע, דעם טאַטן... שכנים פֿאַר די לעצטע אַכצן, ניינצן יאָר. אַז כ׳שטעל מיך אַריין אין פֿענצטער, ליגט ער ווי אויף מיר מיטן גאַנצן קליינינג־סטאָר. כ׳זע ווי ער נייט־צו, טרענט־אויף, פּרעסט, און ס׳רודערט זיך ביי אים אונטער די הענט. דער באָי אַליין, כאָטש ער איז אַ פּאַר־עף, מאַכט שטיקער געלט ביי דער מלחמה... האָט זיך שוין געקויפֿט אַ קאַר, און געפֿאָרן אין האָספּיטאַל אָפּנעמען מאַרי מיט דער בייבי... הלוואַי שאָקלט זי צו מיטן קאָפּ, איז אויף צו מאָרגנס תּנאים... און מ׳קאָן גלייך גיין זען רומס, אַנקוקן פֿאַרניטשור ווי פֿאַר דער מלחמה... און זיך לייגן מיטן קאָפּ אויף אַ ווייך קישן... נישט ווי איר שוועסטער שוירלי, איר שוועגערן מאַרי...

עסטעל

כ׳בין שוין מיד דאָס אַלעמאָל צו הערן. אָפּ מיט מייבל.

סיידי

וואָס די צוויי יונגע ווייבלעך וואָלטן אַלץ נישט געטאָן, צו האָבן די מענער אין דער היים? מ׳גלייכט אַזוי לאַנג דעם סאָלדזשע־באָי, — ווי לאַנג מ׳איז אַ מיידל. און אַז מהאָט חתונה, וואָלט מען נאָכגיכער געוואָלט — ער זאָל אַרויס פֿון די זעלנערישע הויזן.

מומע רחל

דאָס צעדרייטע ווייבל וועט איר שוין זיכער פֿאַרדרייען דעם קאָפּ מיט עפּעס אַ פּלייער צי אַ סיילאָר.

סיידי

מ׳זאָל באַהיט ווערן: אַז כ׳זע איר, אַפֿילו ווען זי לאַכט, — גייט מיר אַריבער אַ סקרוך איבערן לייב. כ׳מיין נאָר, אַז איינער פֿון די צוויי טויטע מענער גייט איר נאָך...

מומע רחל

אַז מ׳האָט אַליין קינדער אין דער מלחמה, איז גאָרנישט געזונט אַזוינע צו הערן, און איר צו זען אַריינקומען.

סיידי

כ׳וועל פאַר איר פאַרשליסן די טיר...

ר׳ הענעך

קומט פון דרויסן, האָט דעם טלית הינטערן אָרעם

וואו איז נייטן? געפאָרן אָפּנעמען אַהיים די שנור זיינע?

מומע רחל

אים געמאַכט פאַר אַ איידן, האָט ער נישט געזאָלט פאָרן?

סיידי

איך האָב אַליין אויך געחלשט זיך מיטצוכאַפּן, נאָר... כ׳ווייס גאָרנישט, ווי דער קאָפּ האַלט זיך אויף מיר, און ווערט נישט צעפאַלן אויף שטיקער... שוין וואָכן ווי מ׳הערט נישט פון מייקי...

ר׳ הענעך

ווי קאָן מען הערן פון אים, אַז ער איז אויפן ים...

סיידי

עפּעס גוט צו האָבן אַן איידעם אויפן ים?... און באָבי, זאָל איך נאָר האָבן זכות אָבות צו אים, — ער איז אַצינד אין רעכטן פייער... זינט עטלעכע טעג ווי זיי האָבן אָנגעהויבן גיין קיין פראַנקרייך, — ברעכט דאָ יעדע שעה אויס אַ געוויין אין אַן אַנדערע שטוב... אַזוי פול געוויין אין די הייזער... די טעלעגראַמען יאָגן זיך ווי די ווינטן אין פעלד, אַז מ׳קאָן זיי נישט דערכאַפּן... אַז כ׳הער ווי מ׳גייט אין דרויסן אויף די שטיגן, און מ׳גיט אַ גראַבל ביי דער טיר, — שטעלט זיך מיר ס׳האַרץ אָפּ... ס׳אַ חידוש, אַז כ׳האָב נאָך אַיין האָר אין קאָפּ וואָס איז נישט גראָ...

ר׳ הענעך

נאָך וועמען האָט זי אַ נאָמען געגעבן ס׳קינד: נאָך דיינע אַן עלטער־באָבע, צי עפּעס אַ הייליקן יוזל אין דער טומאה?

סיידי

אַ נפקא מינה... וואָרן ס'זיינען דאָ דאָ יידישע נעמען, און מ'ווייסט פון אַ פּערעלע, פּייגעלע, טייבעלע, רייזעלע, — אַלע הייסן דאָ ענִי, ראָזי, פּרענסיס און מילדרעד... צי ס'איז אַ יידיש מיידל, אָן איטאַליעניש, אַן איריש... דער עיקר איז אַצינד ער, דער טאַטע... זאָל ער נאָר קומען געזונטערהייט אַהיים, און זי וועט שוין ביי אים אויפוואַקסן אַ כשרע יידישע טאָכטער, כאָטש זי האָט אַ גויאישע מאַמע, וואָס קניט און צלמט זיך אַ גאַנצן טאָג... זינט דריי־פיר טעג ווי ער איז אין פייער, איז זי שוין האַלב משוגע... אויך די אויגן מיינע זיינען נאָך נישט געווען קיין איין שעה טרוקן... ער דאַרף נעבעך גרויס רחמים...

ר' הענעך

וואָס שרייבט ער?

סיידי

ווי קאָן ער אַצינד שרייבן.

ר' הענעך

ער איז דאָך נישט אויפן ים.

סיידי

פריער, אַז ער איז געזעסן אין ענגלאַנד, האָט ער אַ סך געשריבן... און וואָס?... מ'קוקט אין הימל אַריין... מ'ציילט די שטערן... און אַז מ'ריכט זיך, ס'זאָל זיך אין גיכן עפּעס מאַכן... וואָרן, מ'האָט שוין אויפגעקליבן יינגלעך אין די מיליאָנען... און אַצינד?... דורך טרערן. גאָט דאַרף גלאַט רחמנות האָבן אויף אים... ער איז דאָך אַוועק אין דער מלחמה אַריין פאַר די יידן וואָס מ'ברענגט אום אין פּוילן... ס'האָט זיך אָפּגערופן אין אים דער עלטער זיידע זיינער... דער לעליוועער...

ר' הענעך

זכותו יגן עלינו...

סיידי

די בריות וואָס זיינען געקומען פון אים, זיינען יידישע... איך זאָל זיי קאָנען לייענען... וואו האָט ער זיך אויסגעלערנט יידיש?... אויף שבועות איז ער געווען פאַרבעטן צו אַ ייד אין לאָנדאָן... אַ פּוילישער ייד... און יענער האָט זיך גאָר באַלעקט מיט

אים... הערנדיק נאָך אַז זיין טאַטע קומט פון פוילן, עפּעס פון אַ שטעטל אין מלך אביונס גיטער, — איז ער גאָר פון דער הויט אַרויס... אויפן פּאָטער איז ער פלאָם־פייער, וואָס ער האָט אים נישט געזאָגט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ יום־טוב ווי שבועות.

ר' הענעך

ס'האָט זיך דערוועקט... דער ייד האָט זיך דערוועקט אין אים... דער ייד פון טויזנט יאָר פריער און טויזנט יאָר דערנאָך... דאָרטן, ווער ווייסט, צי ס'זענען נאָך דאָ יידן... און דאָ, אַז ס'זאָל אַזוי אויסזען, וואָס וועט זיין... אַזוי מוז עס זיך פון ערגעץ אָפּ־רופן... פון זיך אַליין... פון אינעווייניק... פון דרויסן... פון אַרום און אַרום... דער ייד פון אומעטום... און ער אָטעמט איצט מיט אים...

סיידי

מ'האָט געלעבט בלינד... זיך נישט אומגעקוקט אויף דערנאָך... ווי וואויל וואָלט מיר געווען, אַז זיי זאָלן נישט בלויז זיין גוטע קינדער נאָר אויך גוטע יידן... ס'איז דען נישט געווען וואָס אין זיי אַריינצובריינגען?... אַזוינע ליבע ימים־טובים: פּסח, סוכות, און אַפילו פּורים, — וואָס איז זיך דאָ צו שעמען מיט פּורים? אַ גראַגער, אַ מגילה, אחשורוש, און המן־טאַשן... ווי קאָן ער אַרויפקוקן צו די רייכע און גרויסע ימים־טובים?... ס'האָט פריער באַדאַרפט אויסברעכן דאָס פייער, ער זאָל מגולגל ווערן קיין לאָנדאָן, און אַ ייד פון פוילן זאָל אים פּאַרבעטן צו זיך אַהיים... ער זאָל דערגיין אַז ס'איז דאָ אַזאַ יום־טוב ווי שבועות... בין איך נישט ווערט קיין שמיץ?...

ר' הענעך

אַז ער זאָל זיך נישט געווען אויפכאַוועןסתם אַ באַי, אַ באַי פונעם בלאַק, און וויסן פון אַ זיידן אַ דיין, אַן עלטער־באָבע אַ ליכט־ציערן, וואָס האָט געקאָנט אַפּשפּרעכן בוימל, מ'זאָל מיט אים אויסהיילן פון די ערגסטע חולאתן, — וואָלט אפשר נישט גע־קומען צו קיין גויאיש ווייב... איינס ברענגט ס'אַנדערע...

סיידי

איטאַליענעס מיידל איז ביי אים געווען אַ מיידל... ער האָט זיי אַרונטערגעקוקט אונטער דער נאָז, — צי זי איז אַן איירישע, אַן איטאַליענישע צי אַ יידישע? דערצו איז זי נאָך געוואָרן אַזוי

פרום,— מ׳זאָל באַזהיט ווערן. בלויז בוימל! זינט מ׳האָט אים פאַר־שיקט איבערן ים, איז נישט צו דערקענען די שטוב. ס׳איז געוואָרן פון איר אַ טומאה. די ווענט האָבן זיך אָנגעטון מיט צלמים, מיט יוזלען. הייליקע מאַמעס מיט באַוויינטע פנימער... נאָר זי קניט... פּרעפּעלט... און כ׳וויס נישט, צי זי טוט אים דער־מיט אַ טובה צי אַ רעה?... ער איז טאַקע אַ יידישער באַי, אָבער איר מאַן... און כ׳קאָן איר עפּעס זאָגן?... און אפשר קאָן איר בעטן ערגעץ דערגייין?... ווארן, מ׳ווייסט דען?... פאַרמאַך איך די אויגן פאַר די צלמים... און כ׳זע נישט... כ׳הער נישט....

ר׳ הענעך

וואָס האָסטו זי נאָך געהאַט אַריינצונעמען אין שטוב? אַזאַ אָפּגעהיטן יידיש הויז, אַז די צלמים האָבן דיר אויסגעפּעלט?

סיידי

אַז דער מאַן האָט איר געוואָלט האָבן צווישן יידן, ווי לאַנג ער וועט דאָרט זיין, — האָב איך נישט געזאָלט וועלן?

ר׳ הענעך

מטושטש

אַ קראַנקן ווי מ׳לייגט אים, — איז אים נישט גוט. אָפּ.

שוירלי

קומט, טראָגט ס׳קינד

אַז דער טאַטע איז נישטאָ, מוז איך אויך האָבן זיינע אויגן אויף דיר.

סיידי

דו ביזט גאָר דאָ, און נישט אין דרויסן אויף דער זון?

שוירלי

צו שאַרפע ווינטעלעך. און ס׳האָט נאָך דערצו ביינאַכט אונטער־געהוסט.

סיידי

ביזט לאַנג געוועזן מיט אים ביי די מוטער, זיינע?

שוירלי

דריי וואָכן. איבער דעם גאַנצן פּורלאָ זיינעם.

סיידי

וואָס ביזטו אַזוי גיך אַנטלאָפֿן געוואָרן? באַלד וועסטו ווידער פֿאָרן צו איר? ס׳איז דאָ, אַרום די שטאָט? קנאַפּע דריי טויזנט מייל...

שוירלי

זי האָט דורכאויס געוואָלט, אַז כ׳זאָל דערנאָך אויך זיין מיט איר, נאָר כ׳האָב נישט געקאָנט... ס׳איז אויפֿן שפּיץ פֿון אַריזאָנע, אין פֿיניקס... דער קלימאַט איז אַ הייסער, און ס׳האָט מיך געדושעט די היץ... אַנגסטן מיך געהאַלטן... און ס׳טראָגן מיר גע־ווען שווערער... און דערצו האָב איך מיך געריכט אין בעט אַריין, און זייער נישט קיין חשק געהאַט דאָרט צו האָבן ס׳קינד... אָבער ס׳האַרץ האָט זיך מיר געבראָכן צוקוקנדיק, אַז מייקי דאַרף צוריק־גיין צו דער שיף, און מען מוז איר לאָזן אַליין.

סיידי

ווען זי איז קלוג: נעמט זי וואָס זי קאָן און קומט אַהער... וואָס האָט זי דאָרט צו זיצן, אַז זי האָט נישט קיינעם?

שוירלי

אַן עלטערער מענטש, און אַז זי זאָל אַריינפֿאַלן צו די היגע קעלטן אין מויל, — וועט זיין נאָך איר. קוים וואָס זי לעבט. דערצו האָט זי אַ שטיקל דייזקע פֿון איר מאַן. טאַקע נישט מער ווי וואָסער אויף קאַשע דערפֿון, נאָר אַז זי וועט עס צערייבן, — וועט זי דאָס אויכעט נישט האָבן. כ׳האָב אָפּגערעדט מיט מייקי, אַז ווען ער וועט קומען געזונטערהייט אַ היים, — זאָלן מיר ווערן דאָרטיקע... ס׳זאָל איר זיין היימלעכער... דער עלנט נישט אויפֿעסן...

סיידי

וועל איך מיך ווידער אָפּרייסן... נאָר, אַז ס׳וועט זיין גוט פֿאַר דיר, און אויך פֿאַר דיין מאַן...

שוירלי

זי ציילט שוין די טעג, אַזוי ווי איינער די מיילן אויפֿן וועג, וואָס ער האָט נאָך אָפּצופֿאָרן... ס׳איז ביי איר אַ מינוט אַ יאָר... מייקי איז איר אויג אין קאָפּ... זי האָט אים אַזוי ליב... אַז ער האָט מיך אַריינגעבראַכט צו איר אין שטוב, — מאַ, זי איז מיין

ווייב, האָט זיך מיך אַריינגעכאַפּט אין זיך מיט טרערן אין די אויגן, און אינגאַנצן געציטערט... זיך צעגליט ווי די זון אין הימל... דו ביזט מיין מייקים ווייב... זיין פרייד... זיין זיסע נשמה... און מיר יעדן טאָג געקוקט אין פּנים אַריין: וואָס זאָל איך דיר עפּעס מאַכן צו עסן? וואָס גלייכסטו? און ס׳זיינען איר געריננען גרויסע טרערן איבער די באַקן: איי, ווען זיין פאָטער וואָלט דיך דער־לעבט צו זען...

געשרייערײַ פון אַן אויטאָמאָביל אין דרויסן. עס קומען אַריין: מאַרי מיטן ניי־געבוירענעם קינד אויף דער האַנט. נייטן — וואָס טראָגט אַ קישן מיט נאָך קינדערשע זאַכן.

סיידי

פאַלט אויף איר אַרויף מיט אַ גדולה

מזל ט־ו־ב!

נייטן

אויפגערוימט

נישטאָ קיין טרוקענער מזל טוב ביי יידן. גיסט־אָן. ס׳טוט מיר נאָר באַנג, וואָס כ׳קאָן דיר נישט אונטעררוקן אַ גוט גלעזל פון דעם ביטערן וויין, וואָס דיינע לאַנדסלייט האָבן אַזוי ליב אַריינצוגיסן. נאָר אַ ביסעלע פון דעם יידישן זיסן קידוש־וויין.

מאַרי

נישט אַצינד, אַז באַבי וועט דאָ זיין, וועט מען מיך מעגן אָנשיכורן מיט זיסן, מיט ביטערן, — כ׳וועל אַפילו טרינקען אויפן ניכטערן.

סיידי

עפּעס פאַרזוכן פונעם טיש? זעסט: ווי שיין כ׳האָב אים צערעכט געמאַכט? אַ מלחמה: און ס׳פעלט נישט אויף אים פון קיין פייגל־מילך...

מומע רחל

קומט אַריין, האָט אַ פול מויל קייעט און שמיצערט צום קינד

אַ פּאָר אויסגעפּאַשעטע באַקן. וויפיל וועגט עס?

נייטן

קיילעכיקע אַכט פונט.

מאַרי

עי וואַר בייבי. אַזוי ווי ס׳איז נישטאָ וואָס צו עסן, ווערן געבוירן פּעטע בייביס..

סיידי

זיי זיינען געשוואָלן פון הונגער...

מומע רחל

קייעט

כ׳ווייס נישט, וואָס זי האָט זיך געהאַט צו באַנאַרישן... זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן ביז ער וועט דאָ זיין, און דערנאָכדעם אַרויס־שיסן?

סיידי

מיט אַ שטאָך

מ׳האָט געמיינט אַז ס׳וועט זיין אַ באָי, — אַ נאָמען נאָכן אַנקל מאיר.

מומע רחל

ערשט נעכטן־אייערנעכטן געשטאָרבן, און נאָךביים לעבן אים שוין געהאַט אויפן קאָפּ מיט אַ נאָמען?

מאַרי

כ׳בין נישט קיין יידיש מיידל. אַן איטאַליענישע גלייכט צו האָבן אַ סך קינדער.

מומע רחל

די יידישע ווייבלעך האָבן זיך אויך אַ מאָל געפירט ווי גאָט האָט געבאָטן, און אַלע גוטע־פרומע לייט הייסן, נאָר זיי זיינען קלוגער געוואָרן...

סיידי

נאָך די מלחמה וועלן שוין די איטאַליענישע אויך זיין די זעלביקע חכמים.

נייטן

ס׳עלטערע איז שוין אַ שפּאָר מיידעלע, און דאָס געקאָנט איבער־לאָזן אין שטוב, — אַז זי גייט אַרבעטן. אַזוי וועט זי שוין מוזן בלייבן זיצן ביי דעם... זיך אַליין איינגעווייקט...

מאַרי

וואָס איז דער דזשאָב קעגן קינד? און טויזנט דזשאָבס? אָנקל סעם דהאַלט מיך אויס... מ'קאָן זיך טאַקע נישט איבערעסן מיט דעם אַלאָטמענט, נאָר אַז באַבי איז דאָרט דאַרף מיר דאָ רינען איבערן מויל? אַזוי האָב איך געהאַט הונדערט דאָלער אַ חודש, וועט זיך דאַס אויפהייבן מיט נאָך צען. פינף און צוואַנציק קריג איך יעדן ערשטן פון מיין באַביס פּיי. כע־כע, ער קאָן שוין טראַכטן פון נאָך אַ בייבי... זאָל ער נאָר קומען אַהיים...

סיידי

און שוירלי האָט מער ווי דעם אַלאָטמענט?

שוירלי

פון מיין מייקיס פּיי פּאַלט מיר אויך אַראָפּ יעדן חודש פינף און צוואַנציק דאָלאַר.

נייטן

און אָן דעם אַלעם וואָלט זיי עפּעס געפעלט? איך וואָלט געטראָגן געלט אין דער באַנק אַריין, — ווען זיי האָבן נישט? כ'האָב זיי שוין דאָרטן אַזוי פיל מאָל געשריבן, — אַז זיי זאָלן זיך בעסער לאָזן וואוילגיין פאַר דעם געלט... זייער טאָלער איז נישט קיין גרינגער... זיי דאָרט לייגן אַוועק ס'געזונט און אַ מאָל אויך ס'לעבן פאַר אים... און די ווייבלעך דאָ פעלט, ברוך השם, נישט גאָר...

מאַרי

מ'דאַרף אויפמאַכן דאָס טירעלע צו דער וועלט, און הערן וואָס ס'טוט זיך אויף איר... פאַרנעמען זיך ביידע מיט די פיצל־עך קינדער. ס'איז דאָך עפּעס דיי־דעי... די יענקס האָבן אָנגעהויבן צו גיין... די נערוון זיינען אַזוי צעריסן, אַז כ'וואָלט מיך גערן אַוועקגעלייגט מיט אַ ראַדיאָ צו־קאָפּנס... נישט קאָנען איינליגן — וועל איך אויפשטיין... נישט קאָנען שטיין — וועל איך אַרומ־גיין... עפּעס וועל איך דאָך מוזן קאָנען... ביידע יונגע ווייבלעך אָפּ אין דער אַנדערער שטוב, וואו מיהערט דערנאָך דאָס שפּילן פון דער ראַדיאָ.

סיידי

שיסט אַרויס

אַזוינע פערד, אָקסן! פאַרפירן טענות, ציען ביי דער צונג: וואָס זי האָט זיך געדאַט צו באַנאַרישן מיט נאָך אַקינד? איינס האָט זי וויניק? דער דזשאָב וועט גיין שלאָפן... און נאָך אַזוינע באָבקעס!... מנע... אַזוינע פאַרשטאָפּטע מודות... ווייסן נישט דעם שכל... און כ'מוז זיי דאָס אינגאַנצן אַרויסלייגן אויפן טעלער... נאָך אַ קינד, — וועט זי אים אפשר גיכער אַהיימ־קריגן... און אויף צו ברענגען דעם מאַן אַ היים, וועט זי נישט האָבן נאָך איין קינד נאָר אַ גאַנץ טוץ...

מומע רחל

געפּליעפּט

טאָקע נישט מער ווי אַ יידענע, אַ בהמה. אַפּ.

4־עף

קומט פון דרויסן

מ'האָקט זיך אָפּ די הענט פאַר אַ גאַלאָן געזאָלין, ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו פאָרן, און אַלע גאַסן זיינען געפּאַקט מיט קאַרס...

נייטן

און נאָך מיט נייע, פריש פון אויוון אַרויס.

4־עף

זיך אין ערגעץ נישט געקאָנט אַריינשפּאַרן מיט מיינע... געדרייט מיט איר אַוודאי אַרום צען בלאָק, געמאַכט הקפות אַרום זיי...

נייטן

ס'פעלט אויס געזאָלין? ס'איז אַלץ דאָ, מ'דאַרף נאָר האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר אים. אַ דאָלאַר אַ פונט טשיקן. אַ טאָלער מיט אַ האַלבן פאַר אַ פונט סטייק. זיבעציק סענט אַ גאַלאָן געזאָלין, און מ'וועט דיר ברענגען פולע קעשענעס אין שטוב אַריין צו טראָגן. אַפילו נישט דאַרפן גיין נאָך אים.

סיידי

מ'וועט ביי מיר גאָרנישט אויספירן. פליייש איז אַרויף אויף פיר מאָל אַזוי פיל, — באַגיי איך מיך אָן פליייש. ציבעלעס אויך — באַגיי איך מיך אָן ציבעלעס. מייערן אויך — מאַך איך שבת אָן אַ מייערן־צימעס. גרייפּפרוכטס זיינען אויך אויף דער חתונה, —

מ׳האָט אין יוראָפּ, וואו מ׳ווייסט נישט פון זיי, נישט אויסגעלעבט די יאָרן? קרויט אויך, — געזונטער פאַרן מאָגן אָן קרויט. קאַר־טאָפל, — ביטער! מיט די קאַרטאָפל האָבן זיי מיך אָנגעכאַפּט ביים האַלדז. נאָר ווי לאַנג ברויט איז נאָך אַלץ ברויט, און נישט קיין בריליאַנטן, קיין דימענטן...

נייטן

און אַז זיי וועלן זיך געבן אַ נעם אויך צום ברויט? זיך וועלן איינ־היילן אין דעם אָרימען שטיקל ברויט?

סיידי

ווייס איך טאַקע נישט ווי כ׳וועל קאָנען לעבן אָן ברויט. פון די אַלע מאכלים איז מיר שוין באַלד מער ווי דאָס נישט געבליבן.

4־עף

די מענטשן גייט דאָס אַלץ אָן ווי דעם פּאַר־אַ־יאָריקן שניי. מי צאָלט און מ׳עסט — טשיקן. מי צאָלט און מ׳עסט — סטייק. זיבעציק סענט אַ גאַלאָן גאַזאָלין, און — מ׳פאָרט. מ׳וועט נישט עסן און נישט פאָרן ווייל ס׳קאָסט טייערער?

סיידי

ביי מיר איז נישט קיין מלחמה.

נייטן

ביי דיר איז נישט קיין מלחמה? און וואו האָסטו די קינדער דיינע, אונטער די בעטן? נישט, אָווערסיעז? זי האָט זיך נישט צעלייגט ביי דיר איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אַלע שטיבן? אַ טאָכטער מיט אַ קליין עופלע, אַ שנור מיט צוויי פּיצלעך. און מיט בלאָע שטערן אויף די שייבן...

סיידי

איך מאַך נישט קיין געלט ביי איר. מיין מאַן ברענגט מיר נישט קיין סך מער אַהיים פון פריער. נאָך אַ צענערל אויף דעם וואָס ס׳קאָסט שוין אַלץ פיר מאָל טאָפּלט, — לייגט ער פאַר דאָס אַריין מער שעהן אין דער וואָך, איז זי אַ גרעסערע...

4־עף

איך מאַך יאָ אַ טאָלער ביי איר, פאַרוואָס זאָל איך לייקענען...

ניימן

און אויך אַן ערליכן טאַלער?

4־עף

אַז די גאַנצע מלחמה איז טריפה, ווי קאָנען די געשעפטן זיין כשרע? נאָך איידער די סחורה דערלעבט צו זען די שענק פאַר די אויגן, — ווערט זי אויסגעכאַפּט. קאָן זיך גאַרנישט אָנוואַרימען. און אַזוי ווי מ׳קאָן דאָך נישט די מאָס נעמען גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַפּשינדן פאַר אַלע אין די אויגן, — ס׳איז דאָך דאָ אַ סיילינג, אַן „אָ־פּי־עי״, און אַלע זיבן זאַכן, — מוז עס אַדורכגיין דורך אַ צווייטע האַנט. איך בין די צווייטע האַנט. איך נעם אָפּ די סחורה, באַצאָל פאַר איר ווי ס׳איז אויפן ביל, העכסט כשר, און גיב איר אַוועק פאַר אַזוי פיל ווי מי באַדאַרף... און מ׳טיילט זיך: דער בעל הבית איז אַלעמאָל פון אויבן, און נעמט זיין חלק פון אונטן, פון אונטערן טיש...

ניימן

און וואָס קאָן מען אַריינכאַפּן פון אַזאַ חלוקה?

4־עף

בלויז אויף מיין חלק יענע וואָך געהאַט דריי טויזנט דאָלאַר.

סיידי

דריי טויזנט דאָלאַר?

4־עף

און מיט איין שאָס?

4־עף

דאָס איז נישט קיין סך. מענטשן מאַכן צו פינף טויזנט דאָלאַר אַ טאָג.

סיידי

פאַר זיי איז די מלחמה.

ניימן

און זי שרייבט בריוו צו דער אַרמיי מיט דער נייווי. רופט עסטעל! עס־טעל!

עסטעל, מייבל — קומען. האָבן פולע הענט מיט בריוו.

ניימן
דריי טויזנט דאָלאַר האָט ער נעכטן געמאַכט, און מיט איין שאָס.

מייבל
אַזאַ פֿאַר־עף איז ער?

4־עף
וואָס איז זיך דאָ צו דערשרעקן? ס׳וועט אין אַ וואָך אַרום אַריינקומען אַ ביסל סחורה, — וועל איך אָוועקכאַפּן צוויי מאָל דריי טויזנט.

ניימן
איך דאַרף שוין באַלד אַריינלייגן אין דעם גאַנצע הונדערט וואָכן, און ערשט מלחמהדיקע.

סיידי
און ער טויג נישט, נאָר אַ פֿליער. זאָל אַ פֿליער ווייזן אַ קונץ און אַזוי פֿליען ווי ער פֿליט, אָן פֿליגל?

עסטעל
קערט זיך אום
פֿאַרוואָס איז ער אַ פֿאַר־עף?

סיידי
וועט ער דיר באַלד זאָגן.

ניימן
ווייל ס׳האָבן אויסגעפעלט אַ פּאָר הויזן פֿאַר אים.

עסטעל
אַז ער וועט קריגן אַ צעטל פֿון דער לאָקאַל־באָרד, אַז ער טויג פֿאַר זיי, — וועט ער אויך טויגן פֿאַר מיר. אָפּ מיט מייבל.

סיידי
נאָך איר
און אָן אַזאַ צעטל, וועט ער נישט טויגן פֿאַר דיר?

4־עף
ס׳מוזן דורכאויס פֿאַר מיר געבוירן ווערן דריי בייביס? זאָל איר גאָט באַגליקן מיט אַ סיילאָר. אָפּ.

נייטן
שטיל

פאַרוואָס טאָקע האָט די לאָקאַל־באָרד געוואָרפן אַן אומחן אויף אים? חלילה: אַ קראַנק האַרץ, שוואַכע לונגען.

סיידי

ס׳הייבט זיך נישט אָן... זאָגט אים עפּעס שטיל אויפן אויער.

נייטן

אַזוי גאָר? ווי קומט דאָס צו אים? ער איז דאָך נישט קיין אַלטער ייד...

סיידי

נאָך דער מלחמה דאָס אָוועקטראָגן אין שפּיטאָל אַריין, און דאָרט באַשטאָטן...

נייטן

נאָר ווי דען, זיך האַלטן דערמיט? אַזאַ וואָזשנע שטיקל צירינג?

ר׳ איטשע
טרייבט אַריין די גרינע

ס׳קומט מיר אָן מיטן טויט זיי צו רירן, — אַזוי ווי זיי וואָלטן צו־נויפגעוואָקסן מיט די לעמפּשיידס.

מר. באַרענבוים

איין פירטל שטונדע איזט איין לעמפּשייד. זיבעצען צענט. אונד ווי וויניק מאַן זאָל ניכט עסן, — מוז מען איין פירטל שטונדע צע־רייבן.

ר׳ איטשע

ס׳איז צוגעקומען אַ בייבי, און כ׳קאָן זיי נעמען אויפס כח... איר זעט דעם טיש? פון וואָס אייער האַרץ גלוסט... עפּל... באַ־נאַנעס... איר וועט זיך פריער לאָזן שעכטן איידער אויסגעבן געלט אויף באַנאַנעס מיט עפּל... וואָס שטייט איר ווי די פּלע־קער? רייבט אַ סעודה...

סיידי
איז זיי מכבד

נישט עסן, נישט קאָנען מאַכן די לעמפּשיידס.

נייטן

מ'מוז אין זיי אַריינשטופּן...

סיידי

אַ סך מאָל קאָן איך ביי נאַכט נישט איינליגן. ס'הייבט מיך אונטער. כ'ווייס: זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן אומגעגעסן... אַזוינע אַלטע לייט, און זאָלן זיין אַזוי קאַרג אויף זיך? זיך נישט פאַרגינען אַ ביסן אַרונטערצושלינגען? צו וואָס אַרבעטן זיי?

ר' איטשע

מ'וועט זיי אַזוי פיל מיטגעבן ווי דעם אָנקל מאיר: פיר איילן ערד און סובות...

מר. באַרענבוים

קייעט

יאַ־יאַ...

מרס. באַרענבוים

געכאַפּט

וואָס ווירדען די געבן?

נייטן

אַ־האַ! אַ רעפּיודזשי דאַרף נישט מער האָבן ווי דאָס וואָרט, — געבן! פליט ער גלייך פון דער הויט אַרויס. ווי זי האָט אויסגע־גלאָצט אַ פּאָר אויגן?

ר' איטשע

תכריכים, אַזוינע ווי דעם קלאָוק־יודע.

נייטן

ביי זיי איז דאָס אויך אַ קרן.

מר. באַרענבוים

האָט אַ פול מויל

אַך, דיזער קלאָוק־יודע! איך קאָן אים ניכט פאַרגעסן... איך מעכטע האָבן אַזוי רייכער מאַן זיין...

ר' איטשע

אָדער, אַ בר־מינן... צומאָלט נישט אָוועקגעגעבן קיין איין האַלבע שעה צו זיין לוויה... דער יצר־הרע פון די לעמפּשיידס האָט נישט צוגעלאָזט...

סיידי

שטופּט אין זיי אַריין

לייגטס אַריין... פּאָר נעכטן, פּאָר אייער נעכטן... עסט אייך אָן, און כאַטש זיין זאַט אַ פּאָר טעג...

ר׳ איטשע

וואָרן מאָרגן וועט די איטאַליענערקע ווידער געלעגן ווערן, און מ׳וועט אַרויפשטעלן אויפן טיש?...

מר. באַרענבוים

האָט פּולע באַקן

יאַ־יאַ...

ר׳ איטשע

צום אָנקל מאיר האָט מען געמוזט צו בעטן איין ערל, און צו אים דאַרפן גאַנצן דריי, — זיי זאָלן אים צוטראָגן צום קבר. ס׳וועט אַפילו קיין איין ייד אויך נישט זיין אויפן פעלד.

נייטן

נישט זיין וואָס צו צוטראָגן... דער ווינט אים צעבלאָזן ווי אַ בלעטל פון אַ בוים... הויט און ביינער... אויסגעטרוקנט ווי אַ שטעקן... אָדער זיך אינגאַנצן צעקרישלען...

מר. באַרענבוים

קייעט

יאַ־יאַ...

ר׳ איטשע

ס׳פעלן אויס סוערס אין לאָנג־בעי. און אַזוי ווי ער וועט זיך נאָר אָפּפּאַרטיקן, — וועט די שטאָט האָבן פּאָר וואָס זיי צו מאַכן. סוערס איז זייער אַ נייטיקע זאַך... אָן סוערס קאָנען קיין טוי־לעטס נישט זיין... און אַז ס׳וועלן זיין טוילעטס — וועלן מענטשן האָבן אַ יוז פון זיין געלט...

מר. באַרענבוים

קייעט

יאַ־יאַ...

ר׳ איטשע

געקומען אַהער מיטן זאַק, אים דאָ אָנלייגן.

מר. בארענבוים
קייעט
יאַ־יאַ...

נייטן
וואָל־סטריט קוקט שוין אַרויס אויף די קלאַוּק־יידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט ביז נאָך ניינע אויף דער נאַכט...

ר׳ איטשע
זי וועט זיך נישט דערוואַרטן אויף זיי... דער מלאך המות פאַר־לויפט איר דעם וועג... זיי האַלטן אין איין נאַכטאַנצן דעם אָנקל מאיר, און קערן זיך איבער ביי די מאַשינדלעך, — אַז ס׳איז נאָר אַ חיות צו קוקן...

נייטן
נישט נאָר אויף זיי נאָר אויך אויף די יידן פון די מלחמה־אָרדערס... אויף די דזשייסע חסידים פון דער מלחמה... אַז זיי מאַכן פינף טויזנט דאָלאַר אַ טאָג, — זאָלן זיי נישט זיין פאַרקאָכט אין איר?... דו לאָז זיי איבער צו וואָל־סטריט... זיי זיינען אַלע ביי איר אויפן צעטל... זי האָט שוין פאַר זיי אָנגעגרייט פון די ריכ־טיקע מטעמים: וואַסער־וועגן אויפן הימל פאַר שיפן־פאַרקער.. אויסגעטרוקנטע ימען פאַר זומער־גערטנער... מושעלן אויף צו מאַכן פון זיי פאַלאַצן פאַר פליגן... וואָל־סטריט וועט זיי אַרויס־קריגן ווי קעז קריגט אַרויס מייז פון די לעכער...

ר׳ איטשע
די וואָלקנקראַצערס וואַרטן שוין, מ׳זאָל זיך נעמען וואַרפן פון זיי. צו וואָס ברויך מען צוואַנציק שטאָקעדיקע הייזער? און זיבעציק שטאָקעדיקע?...

נייטן
פון עלף זיך אַראָפּצוואַרפן האָט קיין טעם נישט... ס׳קאָן נאָך עפּעס בלייבן... ביי זיבעציק קומט מען מיט אַלעם אַוועק...

ר׳ איטשע
די אַלטע ברויט־ליין וועט באַלד צוריק אויפשטיין תחית המתים... זי איז נאָר איינגעשלאָפן פאַר אַ ווייל... זיך אויפכאַפּן ווי אַ לייב... און נעמען ברומען ווי דער ים... ס׳וועלן אָנהייבן וואַקסן עפּל אויף די קאָרנערס. אַלע וועלן מיט אַ מאָל הייסן עסן

עפּל: „אַן אַפּל עי דעי קיפּס טהי דאָקטער אַוועי". זיך אַריינ־שטעלן אין דער ריי פאַר אַ שטיקל קויל, אָנצואַוואַרימען די שטוב...

נייטן

זיי, די גרינע, מיינען: אַז אין אַמעריקע האָט מען זיך אַלעמאָל אַזוי געבאָדן אין געלט, ווי אין ים פון קוני־איילאַנד. די היגע האָבן נאָך דעם טעם אין מויל פון ניינצן צוויי־און־דרייסיק... פּראָס־פּעריטי איז עראַונד טהי קאָרנער... מ'האָט געקניט פאַר יעדן שטיין און שטיק האָלץ: „פּראָספּעריטי, קאַם בעק! עוועריטינג וויל בי פאַרגיוועןי!"...

ר' איטשע

זאָל נאָר די מלחמה אויסציען די פּיס, איינעמען אַ מיתה משונה, — וועט מען מאַכן אַזוי פיל דרעסעס? בעלטס? האַנט־בייטלען?

מר. באַרענבוים

מיט אַן אָפן מויל

אויך קיינע קלאָוקס? קיינע לעמפּשיידס?

נייטן

מ'וועט מאַכן מיט די זייטן, ווי אַ מאָל אין דהאַווערס אַלטע גוטע צייטן...

מר. באַרענבוים

ווי קען מאַן זאָ וואָס זאָגען... מאַן ווירד קיינע לעמפּשיידס מער ניכט מאַכן... דיזע מלחמה ווירד יאַ ניעמאַלס אויפהערן... זי ווירד יאַ אימער־צו זיין... אימער־צו זיין... רוקט זיך אָרויס.

ר' איטשע

געכאַפּט

דהאָ? ער האָט עפּעס געזאָגט, דער יעקע... ער איז באַלד נישט אומגערעכט... די מלחמה וועט שוין אַזוי אייביק זיין... זעצט זיך זאָגן.

סיידי

אין דער טיר

וואָס האָבן זיי געהאַט צו די גרינע? זיי איבערגעשראָקן אויפּס טויט... קוים דהאָבן זיי נאָך אַ מאָל צוגעשמעקט צו אַ שטיקל

ברויט, — שוין אין דעם אויך מעגן פאַרגעסן. זיי דערהרגעט אָן אַ האַק און אָן אַ מעסער... מיטן בלויזן מויל... אָפּ.

בעלגישער לאַנדסמאַן
פאַלט אַריין

בלויז מיט זאָגן תהלים איז אַ שוואַכע מעשה, אַז די שדיטות אויף יידן זאָלן אויפהערן... אַפילו מיט פאַסטן אויך... מ׳ברויך זיי געבן איבער די הענט, און אויך איבער די קעפּ...

נייטן

אויף וואָס האָב איך אַ זון, אָווערסיעז?

ר׳ איטשע

וואו כאַוועט מען זיך דאָס אין די לאַנגע זומער־טעג? אויף פאַר־שקלאָפּט צו די לאַנגע שטונדן און גרויסע פיידיס? אַרבעט אַזוי אַריין, ביז ער וועט זיך אַריינאַרבעטן ווי דער אָנקל מאיר...

נייטן

ער האָט צו וואָס... אַ ווייב מיט צוויי קינדער אין בריסל... און איז נאָך נישט אַלט קיין ניין־און־זעכציק יאָר...

בעלגישער לאַנדסמאַן

אפשר וועלן זיי זיך פאַרט האָבן אָפּגעראַטעוועט פונעם גיהנום, און אַרויס לעבעדיקע, — צו וועמען וועל איך גיין, אַז מ׳זאָל זיי אַריבערברענגען, צו די לאַנדסלייט? און זיי זאָלן מיר אויך קויפן אַ פּאָר טעפּלעך מיט טעלער?

נייטן

אין אים טליעט נאָך עפּעס אַ פונק... נעם אבדהמלע שמדניק, — אַזוי ווי ער האָט נאָר אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דעם לאַנד, האָט ער זיך גלייך פאַרדרייט מיטן אונטן צום ווייב מיטן קינד וואָס ר׳האָט געלאָזט איז פאַריזש, און זיך אַריינגענומען אין שטוב אַ שטיק פלייש מיט צוויי אויגן, אַ לעבעדיקע בהמה... און קוקט אַרויס אויפן שוואַרצן צעטל זייערן...

ר׳ איטשע

האָסט איר נישט געקאַנט נעמען אונטערן אָרעם, און אײַנאײַנעם מיט איר קומען? נישט, דער קאָפּ זאָל דיר איצט דאַרן?

בעלגישער לאַנדסמאַן

וואָרן, מ'האָט געוואוסט אַז מ'וועט פאַרוואַרפן ווערן אַהער? אַז ס'פּייער האָט אויסגעבראָכן, איז מען געלאָפן וואו די אויגן האָבן געטראָגן: צו דער שפּאַנישע גרעניץ, שווייצאַרישע, נאָרד־אַפרי־קע... און אַז איך האָב מיך געבעטן ביי איר: „נעם די צוויי קינ־דער און לאָמיר אינאיינעם לויפן! זעסט דאָך, די גאַנצע וועלט לויפט!" האָט זי נישט געהאַט קיין האַרץ איבערצולאָזן די אַלטע מאַמע... די אַלטע האָט שוין געהאַט פּיס ווי די פּלעקער, קוים געקאָנט שטיין אויף זיי, און נישט נאָך לויפן... אַ סך זיינען אַזוי אַרומעט געבליבן: צוליב אַן אַלטע מאַמע, אַ טאַטן, אַ שווער, בעל־הבתישקייט.

ר' הענעך

קומט אַריין, האָט אַן אויסגעלייגטע מאַפּע

ברוך הבא, נאָך אַ גרינער ייד איז דאָ.

נייטן

נישט מיט קיין סך אַנדערש פון יענע, וואָס מ'האָט דאָ מיט זיך... אין אָפּקאַרגן זיך זיינען זיי אַלע גלייך... נאָר פאַרט אַ פּוילישער ייד, און גאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן...

ר' הענעך

געהאַט אַ גריס פון דיין ווייב מיט די קינדער, אין בעלגיע?

בעלגישער לאַנדסמאַן

פאַרפלאָמט

זינט די אַמעריקאַנער האָבן גענומען גיין — ברען איך אינגאַנצן... בין איך ווי איין שטיק פייער... קיין אויג מאַכט זיך מיר נישט צו... כ'זאָל דאָס קאָנען עפּעס אַראָפּשלינגען... כ'ווער דער־וואָרגן מיט איטליכן ביסן... כ'קוק שוין אַרויס אויף דער מינוט, אַז זיי זאָלן דאָרט אַריין, און פון זיי קאָנען עפּעס הערן...

ר' הענעך

צעלייגט די מאַפּע

און איך קוק... קוק זיך אויס די אויגן... זינט די רויטע האָבן זיי גענומען טרייבן פון סטאַלינגראַד, — האָב איך גענומען קוקן אויף דער מאַפּע ווי אַ האָן אין בני אדם... זיי זיינען שוין ביי קיעוו... אין וואָלין... פּוילן... כ'בעט: אַז ס'זאָלן נישט

זיין קיין פרעסט... ס'זאָל נישט רעגענען... דער ווינט זיין קיין בייזער... און ס'גייט אַלץ צו אַזוי שווער... ס'געדויערט ימים ושנים... און אפשר, ווייל איך קריך אַזוי פון דער הויט?... און יעדער טאָג איז ביי מיר אַ יאָר... און כ'וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז זיי זאָלן האָבן קפיצת הדרך?... זיין אויפצומאַרגנס אין פוילן?... וואָרן ווער ווייסט, — ביז זיי וועלן אַ מאָל קומען קיין קעלץ, וואו כ'האָב אַלע מיינע לייט, צי זיי וועלן נאָך עמיצן דאָרט טרעפן? און נישט האָבן געקומען נאָך אַלעם?...

בעלגישער לאַנדסמאַן

און ס'זאָל דאָס עמיצן דאָ באַרירן אויף אַזוי פיל... אייגן בלוט, — און ס'זאָל דאָס ווער אַרויסלויפן אין מיטן דער נאַכט ווי פון אַ ברענענדיק הויז, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, מבושמ־דיקע אויגן, און שרייען געוואַלד: ראַטע־וועטס די יידן! ס'ביסל יידן ברענט...

ר' איטשע

איבערן ספר

ווייסט ער אויבן וואָס ער טוט? אַז ער לאָזט אומברענגען די יידן אין פוילן?

ר' הענעך

די פּוילישע יידן זיינען דאָך די שבת יום־טובדיקע... די נשמה ירתירהדיקע... און די היגע — די וואָכנדיקע, די פּראָסטע, דער באָרשט און די כלאים... וואָס פאַר אַ טעם וועלן זיי דאָ האָבן אָן יענע? אָן דעם טראָפּן צושמעלצונג?

ר' איטשע

דאָרט שבת, — האָט אַ גאַנצע שטאָט פאַרמאַכט די געוועלבער, און טויזנטער יידן, פון קליין ביז גרויס: אין סאַמעטענע היטלען שטריימלעך, גאַרטלען, זיידענע און אַטלעסענע ייבעצעס, — זייינען אַרויס אים מקבל פּנים זיין מיט לכה דודי לקראת כלה פּני שבת נקבלה. מלכות שבת האָט זיי אָנגעטון קרוינען אויף די קעפּ... אין די אָרימע שטיבלעך איז געוואָרן ליכטיק. מלאכים האָבן אַראָפּגענידערט אין זיי ווי טייערע אורחים: שלום עליכם, מלאכי השרת, מלאכי עליון, ממלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא...

ר׳ הענעך

אין פוילן: אַז ס׳וועלן נישט זיין קיין יידן, — וועלן קיין יידן נישט זיין. די היגע יידן זיינען יידן? דאָרט האָבן זיי אַרויסגעגעבן סופרים, למדנים, שאַרפע קעפּ, אייזערנע מוחות, — וואָס גיבן זיי דאָ אַרויס... די גאַנצע תורה איז ביי זיי דאָרט אַדורכגעלויכטן געוואָרן מיט זייער חריפות, און געווען צעפלאַמט ווי אַ וואָלקן אין מערב צו שקיעה...

בעלגישער לאַנדסמאַן

וואָרן, אַז ס׳זאָל אַזוי, חלילה, זיין פאַרקערט: מ׳זאָל זיך דאָ נעמען צו די היגע יידן, — וואָלטן די פּוילישע יידן אויך געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און געקוקט אין הימל אַריין? און נישט צענומען די וועלט אויף שטיקער? יעדעס שטיק באַזונדער צעוואָרפן אויף איבער אַרבע פינות העולם?... אויפגערודערט הימל און ערד... זיך געשטעלט אויף דער שאַרף פון שווערד... וואָס האָט מען זיך עפּעס פאַרלייגט אויף די יידן אין אַמעריקע?...

ר׳ איטשע

פאַרפרוירן

די יידן דאָ זיינען שוין אָפּגעפּאַרן פון די דאָרטיקע נישט אויף קיין דריי טויזנט מייל, נאָר אויף גאַנצע דרייסיק טויזנט...

נייטן

אַז מ׳האָט די בעלי־מלאכות ביי מיר אין שאָפּ צוגעדריקט צו דער וואַנט, — זיי זאָלן אָפּשטעלן די אַרבעט אויף פופצן מינוט, שטיין פופצן מינוט פאַר די טויטע יידן אין פוילן, — צו וואָס זיי האָבן דאָרט דערלעבט? אַראָפּבייגן די קעפּ באימה ופחד, בחיל ורעדה, — איבער זייערע אָפענע קברים, אַריינקוקן אין חושך, אין טיפן חושך, — האָבן זיי זיך געוואָרפן...

בעלגישער לאַנדסמאַן

ווען איז נאָך געווען אַזאַ טייער לעבן צווישן די בעלי־מלאכות מיט די בעלי־הבתים, ווי אין דער איצטיקער מלחמה? מ׳קושט זיך דאָך פון די מיילער. מ׳דאַרף נישט קיין סטרייקס מער, קיין יוניענס, די יוניע וועט זיך איינשטעלן פאַר מער געלט? אַז די בעלי־הבתים צאָלן אין טאָג אַריין. די יוניע וועט נישט לאָזן די פערד אַרבעטן אַכצן־צוואַנציק שעה אַ טאָג, — זי האָט דען אַנדערע

פאַר זיי? די יוניע וועט פרעגן פאַר צייט מיט אַ האַלב, — אַז מ׳גיט טאָפּלט... און נאָכמער אויך... נאָר מ׳זאָל אַרבעטן... שלעפּן דעם וואָגן... מאַכן מער די טויזנטער... יעדע אַנדערע וואָך איז אַ גרויסאַרטיקע שאַפּ־פּאַרטי, — מ׳וועט זשאַלעווען אַנקל סעמס געלט?... ווייניקער אָוועקגעבן טעקסעס...

נייטן

ס׳זיינען געוועזן שעפּער, וואו מ׳האָט פרום אָפּגעהיטן די פּופצן מינוט, — מ׳קאָן נישט זאָגן. זיך נישט אויסגערוקט ווי אַ גוטער ייד פון דער שמונה עשרה. און שעפּער, — וואו מ׳האָט זיי אָוועק־געגנבעט צווישן צוועלף און איינס, ביים טעפּל קאַווע... צעפּטרן אַ גאַנץ פּערטל שעה פאַר פּוילישע יידן, פאַר ליטווישע יידן, וואָס מ׳ברענגט אום? מ׳האָט געניג געבילט אויף די פופצן מינוט. זיך געוואָרגן מיט זיי, זיי נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען...

ר׳ איטשע

דאָרט גייט אונטער אַזאַ שיינע יידישע וועלט, און דאָ באָדט מען זיך אין גאָלד. ווי די הייזעריקן זיינען זיי געוואָרן לדהוט נאָך געלט.

בעלגישער לאַנדסמאַן

איינער נאָכן אַנדערן ליגן זיי דאָרט אָוועק די קעפּ: טשער־ניאַקאָוו, זיגלבוים, און ס׳זאָל זיך דאָ ווער וועלן געבן אַ שטאָך אין פינגער...

נייטן

יעדעס קליינע שטעטל האָט דאָרט געהאַט אַ זיגעלבוים.

בעלגישער לאַנדסמאַן

יענע ווילן אויפרייסן די וועלט מיט זיך, אפשר וועט עס עמיצן געבן אַ גריבל ביים נאַפּל: דעם פויפּסט פון רוים, דעם בישאָף פון קענטערבורי, די אַלע שווערע קאַרדינאַלן. ס׳איז דאָך פאָרט דאָ אַ גלויביקע וועלט, וואו מ׳קניט און מ׳בעט צו אַ גאָט, מי פאַרגלייזט די אויגן צו אים. בלויז אַ קליין ביסעלע רחמים פאַר די יידן אין פּוילן. מ׳זאָל זיי לאָזן לעבן. כאָטש אין דער אָרימקייט זייערע. אין די שטיקלעך שטיבלעך. צוויי נפשות אין אַ שלאָף־באַנק. בלויז ס׳חיות. נייך, נישטאָ קיין איין ווייסע טויב. רק קראָען, שוואַרצע קראָען אויף קאַלטע פאַרפרוירענע פעל־

דער. איז די וועלט שוין אַזוי טיף ביי זיך געפֿאַלן? און האָט נישט מער קיין טראָפּעלע רחמנות אין איר פֿאַרטוך?

ר׳ הענעך

ווער איז די וועלט? די און — יענע. יענע זיינען אָפּענע גזלנים, און די — באַהאַלטענע. יענע טראָגן די האַק אויפֿן אַקסל, און די — הינטער דער פּאָלע. אַלע טראָגן זיי די האַק... און סיי די ווי יענע ווילן אונדזער טויט... פֿאַרגינען אונדז נישט ס׳לעבן... און אויב ס׳זיינען נאָך דאָ אַ פּאָר גוטע גויים — גיבן זיי אַ קנייטש מיטן שטערן. נישט מער ווי אַ קנייטש. נאָר, מ׳זאָל עפּעס טון? וועלן אַרויסרייסן ביים רוצח כאָטש אויף איין שעה די האַק פֿון דער האַנט? אַרויספֿליען פֿון דער אייגענער הויט, און געבן אַ פּראָסק די וועלט אין צורה, — אַז ס׳זאָל אָפּהילכן ווי אַ בייזער דונער, ס׳זאָל נעמען ציטערן אויף אַלע אָפּגרונטן, און וויסן: אַז זי ווערט דאָ אויסגעריסן פֿון אַ מעכטיקע האַנט, וואָס זוכט איר ערגיץ אָנצוכאַפּן פֿון פֿאַרנט צי פֿון הינטן. די האַנט פֿון אים, אל צבאות אלהים, וואָס איז שטאַרקער פֿאַר אַלע חיילותן, טאַנקען און עראָפּלאַנען. און איר ברענגען ביי די אויערן פֿאַרן בית־דין צדק: זיך נאָך אַלץ נישט גענוג אָנגעטרינקען מיט יידיש בלוט?

נייטן

מ׳דרייט זיך אַרויס, באשר — מ׳וועט זיי דערנאָך אַריבערלייגן, אַדער זיך גאַר קושן פֿון די פּיסקלעך.

בעלגישער לאַנדסמאַן

און דאָס האָט מען ערשט ביי זיי אויסגעבעטלט אויף די קני.

ר׳ איטשע

דער רוצח קאָן זיך דערויף. ער ווייס: וואָס נישט, נאָר פֿאַר אומברענגען די יידן — וועט מען אים אַלץ געבן אַ גלעט איבערן בעקל.

בעלגישער לאַנדסמאַן

די פּוילישע חזרים־טרייבער וועלן מאַכן אַ רחמנות פּנים, און אין האַרץ אָנידערקניען — וואָס מ׳האָט זיי אומגעברענגט. דאָס אייגענע אויך מיט די טשעכן, מיט די לעטן, ליטווינער, סלאָוואַקן, רוטענער, אונגאַרן, רומענער, אוקריינער...

ר' איטשע

דאָס דערמאַנט מיך אין דזשאַני מיטן פּאַליס־קעפּטעין. דער אײַרישער דזשאַני האָט מיר אַנימעלטן אָפּגעזאָגט ס'לעבן. וואָס איז? ס'ברויך דען עפּעס זײַן? סרתם אַזוי... כ'לעב שוין צו לאַנג... בין צו אַלט... און אים גרויס אין די אויגן...

ר' הענעך

די אייגענע מאָרדעוואַניע וואָס מ'האָט די ייִדן: זיי לעבן שוין צו לאַנג... האָבן זיך איבערגעלעבט... זײַנען צו אַלט... און גרויס אין די אויגן... די גויים ווילן גאַרנישט צווישן זיך אַזאַ אַלט פֿאָלק וואָס קאָן זיי מבטל אמו, ווען זיי האָבן זיך געבוקט צו אַ שטיין און אַ ביין... ס'טויג זיי נישט צום הויקער... זייער גאווה קאָן עס נישט סובל זײַן...

ר' איטשע

גיי איך אַריין צום קעפּטעין פֿון פּריסינקט: אַז דזשאַני וויל מיך אָוועקשיקן אויף יענער וועלט. קאָן דאָס אים נישט אַין קאָפּ אַריין. און ער קוקט מיך אָן מיט אַן אָפֿן מויל און אָפֿענע אויגן: זאָל ער דיך נאָר אַוועקשיקן, — וועט עס אים אָפּגיין אַזוי גלאַטיק? מ'וועט אים גאַנץ אַרנטלעך באַצאָלן דער־פֿאַר... כע־כע, וועל איך מיט דעם טאָקע זײַן געהאָלפֿן, וואָס מ'וועט אים גאַנץ אַרנטלעך באַצאָלן דערפֿאַר...

בעלגישער לאַנדסמאַן

בלויז דער שוועדישער קיניג, און דער דענישער. דער ערשטער האָט גענומען די ייִדן פֿון קאָפּנהאַגן אונטער זײַנע פֿליגל, — איר זענט מײַנע ייִדן! כ'וועל מיך נישט ברעקן מיט אײַך. און דער אַנדערער האָט געזאָלט אַנטון די געלע לאַטע, זאָגט מען; אַז ס'שטייט־אָן זײַנע ייִדן, — שטייט אים אויכעט אָן. אָבער איין שוואַלב קאָן קיין זומער נישט מאַכן, נישט קיין שוואַלב נאָר אַ שוועלבעלע...

ר' איטשע

מיט וואָס האָט זיך זײַן מייעסטעטס רעגירונג אויף־צובאַווייזן?

נייטן

די ענגלישע קרוין האָט אַרײַנגעקריגן זייער אַ טייערן בריליאַנט, „די שטרומאַ".

בעלגישער לאַנדסמאַן

די „פּאַטריאָ" לייכט אויך גאַנץ שיין פון איר אַרויס...

ר' איטשע

מיט דער „שטרומאַ" האָט זיי ענגלאַנד געגעבן די בלוי לייט, — אַז זיי זאָלן זיך נעמען צו דער אַרבעט. דער ר׳תחזקנה ידיכם... אַ נישט, וואָלטן זיי זיך אַזוי צעבריקעט מיט יידיש לעבן? דאָס אַזוי פאַרשפּיגן אין פּנים אַריין? אַז די האָבן אַזוינע פאַרשטאָ־כענע אויגן, — וואָס האָבן זיך יענע צו פאַרשלייערן?

אַ הויך געריעדעריי דורך אַ מייקראָפאָן, אויפן גאַס.

ניימן

אַ־האַ! מ'גרעגערט שוין ווידער אין דרויסן. וואָס רייסט מען זיך דעם האַלדז, און מ'לעכערט דעם קאָפּ? אַ מיטינג? זייערע מיטינגען...

בעלגישער לאַנדסמאַן

האָרכט זיך איין

אַזאַ טייער יידיש בלוט, און ס'ווערט דערפון ביי זיי וואַסער.

ר' איטשע

אַ פאַרקערטער שכל: וואָס געדיכטער יידיש בלוט איז, איז עס אַלץ בעסער אויף צו מאַכן אַ קאָלעקשן.

בעלגישער לאַנדסמאַן

מ'מיינט נישט די יידן וואָס מ'ברענגט דאָרט אום, ווי די פּושקע וואָס מ'האַלט אונטער דער פאָלע. און מ'זוכט צו כאַפּן אַ פּאָר דאָלאַר מיט איר...

ניימן

די דאָרטיקע יידן טאָרן נישט שטאַרבן פון זיך אַליין, נאָר מ'דאַרף זיי דערהרגענען, — אַז די קאָלעקשנס זאָלן דאָ בליען. וואו צוויי — איז אַ דריטער מיט אַ פּושקע. הימל און ערד און קאָלעקשאָנס. כ'וויל מיין מויל צו קיין בייז נישט ברענגען, — ווי אַזוי וועט מען דאָ אַפּרייסן די פאָלעס, אַז ס'וועלן, חלילה, דאָרט מער קיין יידן נישט זיין?

בעלגישער לאַנדסמאַן

אויף אַזוי פיל וועט נאָך אַלץ בלייבן, אַז מ׳זאָל האָבן מיט וועמען צו גיין איבער די הייזער...

ר׳ הענעך

אפשר וועלן זיי דאָ אויפהערן שנאָרן, — אַז די יידן זאָלן דאָרט האָבן מנוחה? מ׳זאָל זיי לאָזן לעבן? און נישט דאַרפן צוליב די פושקע בעטן — מ׳זאָל זיי דאָרט שלאָגן?

ר׳ איטשע

אַז מ׳שלאָגט נישט קיין יידן, איז שווער צו קריגן אַ טאָלער.

נייטן

דאַרף מען רייסן באָק־ציין.

איינער

אין דרויסן, אויפן מייקראָפאָן

— ווער גיט אַ דאָלאַר אויף צו ראַטעווען אַ יידיש קינד?

— ווער וויל זיך איינקויפן גאַנץ עולם הבא פאַר צוויי דאָלאַר, און מיט זיי אָפּראַטעווען צוויי יידישע קינדער פונעם טויט?

— דריי דאָלאַר, — דריי קינדער.

— פינף דאָלאַר, — פינף קינדער.

נייטן

נאָר ווי דען, מיט אַלטע לייט וועלן זיי אַרויסגיין האַנדלען אויפן מאַרק? ביי קליינע קינדער קאָן מען נאָך גראָב אָנגיין... מ׳דאַרף האָבן אַ האַרץ פון אַ שטיין, אַז מ׳זאָל נישט געבן פאַר קיין קינד, און נאָך אפשר דערצו אַ יתום.

בעלגישער לאַנדסמאַן

די פושקע האָט זיך צעכליפּעט ווי אַ שאַקאַל ביי נאַכט אין דער מדבר, די הייליקע פושקע.

נייטן

זי איז הונגעריק, שווינדזיכטיק און קראַנק אויף געלט.

איינער

אין דרויסן, אויפן מייקראָפאָן

בלויז מיט שרייען שמע ישראל און זאָגן תהלים, — וועלן די

דאַרטיקע יידן נישט בלייבן לעבן. מען מוז האָבן אייערע דאָ־לאַרן.

נייטן

מ׳בייט דאָ הי אויס די דאָרטיקע יידישע מיליאָנען, אויף פעניס.

מ׳הערט שפּילן די התקוה.

בעלגישער לאַנדסמאַן

קוקט אין דרויסן

נאָך אַ טראַק האָט זיך אַריינגערוקט, אָן ארץ ישראלדיקער. ער האָט געזען ווי דער שאַרט געלד, שטאָפּט זיך אָן און ווערט נתעשר.

איינער

אין דרויסן, אויפן מייקראָפאָן

— ארץ ישראל רופט.

— די הייליקע בת ציון, וואָס וויינט זיך אויס די אויגן שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר אויפן ביטערן גורל פון אירע קינדער, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות, צווישן די אומות העולם.

— זי וויל נישט בלויז הערן פון זיי, נאָר זיך אויך זען מיט זייערס אַ לעבעדיקן טאָלער.

בעלגישער לאַנדסמאַן

צוויי אויפן יריד.

איינער

אין דרויסן, אויפן מייקראָפאָן

ווער וויל פלאַנצן אַ בוים נאָך די דריי־און־ניינציק מיידלעך פון די בנות יעקב, וואָס האָבן בעסער אָפּגעגעבן זייער לעבן צו גאָט, ווי אַריינצופאַלן צו די טמאים.

אַ גערויש אין דרויסן

נייטן

ביים פענצטער

מ׳וואַרפט געלט ווי ס׳זאָל זיין מיסט.

בעלגישער לאַנדסמאַן

מ׳כאַפּט די ביימער ווי מצה־וואַסער.

נייטן

בנורת יעקב, — דאָס איז חזיר... ווי ס׳זאָל רינען מיט חזיר איבערן מויל... און אַז מ׳זאָל מיט זיי נישט מאַכן קיין געלט, — ביי וואָס דען וועט מען מאַכן?

בעלגישער לאַנדסמאַן

ווען גאָט שיקט זיי צו נאָך אַ פּאָר טויזנט אַזוינע מיידלעך ווי די בנורת יעקב, — מיט וויפיל ביימער ארץ ישראל וואָלט רייכער געוואָרן?

אַ שטימע

רופט אויפן מייקראָפאָן

די מיליאָנען אומגעקומענע און פאַרברענטע יידן אויף קידוש השם אין פוילן, אין דער ליטע, — רופן אייך אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן... זייער בלוט שרייט צו אייך...

אַ צווייטע שטימע

שרייט איבער

ניין, דאָס לאַנד פון די הייליקע אבות, פון אברהם יצחק ויעקב.

בעלגישער לאַנדסמאַן

זיי ווען זיך באַלד שניידן די העלדזער, ביידע.

ר׳ איטשע

וואָס די אָרימע יידן אין פוילן און אין דער ליטע, האָבן אַלץ אויף זיך? ארץ ישראל מאַכט זיי אויך געגוג טויט. לייגט אויף זיי אַרויף די ריכטיקע לאָפּאַטע ערד. ארץ ישראל עליך.

די שטימע

פון פריער, שרייט יענע איבער

...דרייסיק טויזנט יידן... קיין איין בענקל טאָר נישט בלייבן ליידיק... דרייסיק טויזנט קולות ווי איין קול... דרייסיק טויזנט מיילער ווי איין מויל...

נייטן

און וויפיל דאָלאַרן?

בעלגישער לאַנדסמאַן

אויף דער גאַס קאָן מען, ווי מ'זאָל זיך נישט צערייסן, — נישט כאַפּן מער ווי דאָלאַרס. און אין מעדיסאָן סקוועיר גאַרדן, אַז מ'זעצט אַוועק אַ ייד אויף צוויי שעה אונטערן פייער — קאָן מען פון אים צאַפּן הונדערטערס.

נייטן

אויף דער גאַס קאָן מען אויך נישט פאַרקויפן קיין טיקעטס, אויף אַריינצוגיין...

ר' איטשע

דער גאַנצער חורבן איז דאָ נישט מער ווי דעם קאָלעקטיוו אויס־געשטרעקטע האַנט, — שענקט אַ נדבה! די אַלטע צדקה תּציל ממות פּושקע.

נייטן

מ'פעדלט אַרום מיטן חורבן אין די גאַסן, שולן, מיטינגען, וואו מ'קאָן נאָר; אַ טאַלער פאַר אַ ייד, אַ גראָבע מאה, מ'נעמט אַפילו אַ פּעני אויך... ווייניקער מיט אַ ייד — מיט אַ פּעני מער אין דער פּושקע... מ'רייסט איר שוין אַרויס...

ר' איטשע

ס'וועט זיך שוין אָפּזוכן עפּעס אַ חברה, וואָס וועט דאָ גאָר אינגיכן מאַכן פון די יידן אין פּוילן — אַ פערטן סדר. אויפן דריטן האָט די הסתדרות אַרויפגעלייגט די האַנט. דאָס איז איר ביין.

בעלגישער לאַנדסמאַן

אויב זיי שערן די שאָף, זאָלן זיי כאָטש ביי עמיצן אָפּראַטעווען ס'לעבן? אַ מיליאָן דאָלאַר און גיטס פאַר אים איין לעבעדיקן ייד...

נייטן

אַ מיליאָן דאָלאַר? מ'האָט געקענט אָפּקויפן ביי די דייטשן אין הורט, נישט איין לאַגער מיט יידן, צו פינף דאָלאַר אַ שטיק און נאָך אפשר פאַר ווייניקער... נאָר מ'האָט זיך געמאַכט געפּגרט... ס'האָט זיך בעסער געלוינט זיי צו לאָזן אויסהרגענען.. אי מ'האָט נישט באַדאַרפט געבן קיין געלט, און מ'קען נאָך זיי פלאַנצן ביי־מער... אַ דאָלאַר אַ בוים...

## א שטימע

פון דרויסן, אויפן מייקראָפאָן

...מעדיסאָן סקווער גאַרדן דאַרף אויפרייסן די אויגן פון די וועלט, איבער די אכזריות אויף די יידן אין פוילן... דונערן איבער די קעפ פון די רוצחים... ברענען זייערע טריט...

## בעלגישער לאַנדסמאַן

כ׳האָב מיך איינמאָל געלאָזט אַריינאַרן פון זיי אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן... ס׳איז דאָרט געווען קעפ אויף קעפ... יידן — מכל המינים: פון די שפּעפּער... געשעפטן... בוטשער־סטאָרס... קענדי סטאָרס... בעקערים... לאָנדריס... ס׳האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אַ ים...

## נייטן

מי ומי ההולכים? מיט וועמען איז געווען צום טיש צו גיין?

## בעלגישער לאַנדסמאַן

עפּעס אַ ראַבאַי, איינער פון יענע — אַ חצי ייד און אַ חצי משומד, האָט נישט געהאַט קיין לב צו פאַרן קיין וואַשינגטאָן בעטן, — מ׳זאָל צו לאָזן שפּייז צו די יידן אין די געטאָס, אַזוי ווי צו די גריכן. נישט אַנדערש, ווי מ׳זאָל געבן אָנצופרעסן אַלע פּוילישע פּויערים, — די גאַנצע זיבעצן מיליאָן, אַז די יידן זאָלן אויך עפּעס נהנה זיין... ביי דעם ראַבאַי הונגערן גלייך די פּוי־לישע פּויערים מיט די יידן אין די געטאָס... און ס׳זיינען נאָך געווען אַזוינע וואָס האָבן צוגעבאַסעוועט... עפּעס אַ שרייבער, אַ רייבער, וואָס האָט זיך אָנגעשריבן די הענט מיט די פּיס, אַז מ׳זאָל נישט שיקן די פּעקלעך, האָט זיך געריסן דעם האַלדז, — אַז מ׳וועט ברעכן די ענגלישע בלאָקאַדע מיט אַ האַלב פונט גע־טרוקנטע פלוימען, אַ פערטעלע רייז, און צען דעקער טיי... נאָך איינער: אַ דאָקטאָר, אַ גאַנצער רוכב בערבורת האָט דערפאַר גע־הייסן פּיקעטן די הייליקע שוועלן... ווי אַזוי יידן האָבן דאָ בידים געטראָגן האָלץ צום פייער?... יענע וואָס שיקן די פּעקלעך, קאָן זיין, טוען עס טאַקע נישט לשם שמים, און מיינען דאָ מער די קניידלעך ווי די הגדה, נאָך מתוך שלא לשמה בא לשמה. מ׳האָט זיך געקאָנט דערמיט אָדורכרייסן צו אַ יידיש קינד? ווער טוט עס לשם שמים? ווער ראַטעוועט יידן לשם מצוה? ס׳אַ געשעפט אויף הונדערטער מיליאָנען...

נייטן

אַז כ׳גיי אַין דרויסן פאַרביי אַ יידיש טעאַטער, רייסט עס אויף די אויגן, און טרערן וואַרגן: „לחיים, יידן!״. „געלעבט זאַל ווערן אויף טיש און אויף בענק!״ „די רביצין אויפן בעט און דער גבאי אונטערן בעט!״. „דריי חתנים מיט איין כלה״. מיט וואָס מ׳זוכט צו נעמען דעם עולם?

בעלגישער לאַנדסמאַן

און אַז מ׳נעמט אַ צייטונג אין דער האַנט — איז בעסער? דאָרט איז אַלץ געל... אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט די געלע זאַך... וואָס קאָן זיין רויטער ווי בלוט? בלוט פון אַ קדוש, וואָס איז אומ־געקומען אויף קידוש השם? אין יידישן פייפער איז עס געל. פון יעדן חרובן שטעטל מאַכט מען קוילעטש... פלאָדן... עס ווערט צוגע־ווירצט מיט נעגעלעך, מיט זאַפראַן, — ס׳זאָל האָבן אַ טעם און אַ ריח, עס קאָנען נעמען אין מויל אַריין. יידיש בלוט מיט אינגבער. אַנדערש ווי געשאָכטן יידן, זיי געקוילעט — ווייסט מען נישט אין אים. כאָטש מ׳האָט אין ערגיץ נישט גענומען קיין מעסער אויף צו שעכטן אַ ייד, אים קוילענען ווי אַן עוף אויף שברת, — נאָר אומגעברענגט מיט כל המיתות שבעולם: סקילה, שריפה, הרג ודנק, — אין יידישן פייפער האָט מען זיי אַלע געשאָכטן. געשאָכטן איז עפּעס פּעטער. בלוט רינט איבער די הענט ווי פון אַ זיסן סטייק. ס׳איז זיך דאָ מיט וואָס צו באַלעקן. דער גאַוועער קומט אין מויל אַריין. דער כח הדם איז אינגאַנצן אַן אַנדערער: מי מאַכט אַ ברכה, מי וואַשט זיך די הענט פאַרן שעכטן, צי מ׳טובלט זיך גאָר אין מקווה...

נייטן

מ׳שלאָגט קאַפּיטאַל. אַז עסן חזיר — זאָל רינען איבער דער באָרד.

ר׳ איטשע

דאַרף מען זיי נישט אַלע געבן מיט אַ לופּע האָלץ איבער די קעפּ?

בעלגישער לאַנדסמאַן

און וואָס עפּעס זיך צונויפקומען שרייען, דאָס דערשטיקן אין אַ האָל, ווען אַפּילו אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, וואו ס׳קאָנען

אַריין דרייסיק טויזנט יידן... וואו זיינען די צוויי מיליאָן הויגע יידן, ווען מ׳ברענט און מ׳בראָט דאָרט זייערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער? וואָס שפּאָרן זיי זיך נישט אַרויס, ווען אַפילו מ׳זאָל נישט לאָזן — אויף די אָפענע גאַסן, אונטער די הימלען, אַ מיליאָן יידן אויף אַ מאָל, צוויי מיליאָן, אַז מ׳זאָל זיי נישט בלויז הערן נאָר אויך זען... הייבן די הענט... ברעכן פענצ־טער, אַז מ׳ברויך... ס׳גייט דאָך אין קיום האומה... מ׳ברענגט דאָך אום די יידן... דער גאַנצער קרן היסוד איז דאָך אין סכנה... זאָלן זיי דאָ נעמען אַ האַלבן מיליאָן יידן, די טאַטעס מיט די מאַמעס, וואָס זייערע קינדער מיט די אייניקלעך שלאָגן זיך אויף אַלע קאָנטינענטן און ימים, — און מיט זיי פאַרפּאַקן אַלע קרי־מינעלער... זיי אָנטון קייטלען אויף די הענט...

ר׳ איטשע

דאָ האָבן זיי די דאָרטיקע יידן אין דר׳ערד. ס׳איז ביי זיי אַן עסק פון כיבודים. טיילן עליות, מי שברכס: ווענמען מ׳זאָל אויפ־רופן פריער צום עמוד, און וועמען דערנאָך... שוין באַלד אַ האַלבע וועלט יידן פאַרטיליקט, — און מ׳קאָן זיי דאָ נאָך אַלץ נישט צונויפברענגען צו איין טיש, די גרויסע קאַרפּן־קעפּ... מ׳וויל נישט פאַרנייגן אויפן פּיצעלע כבוד... מ׳איז נאָך אַלץ אָנגעלאָדן איינער אויפן אַנדערן...

בעלגישער לאַנדסמאַן

די אַלע גרויסע יידן דאָ זיינען טמאים. דער איינציקער קדוש וטהור איז זיגעלבוים.

ר׳ איטשע

און עמך, שער און אייזן — איז פאַרקויפט צו לאַנגע שטונדן. צו מלחמה־אָרדערס. אויף זיי רוט די קללה פון מאַכן געלט. זיי טוען אָנקל סעם אַ בעריישע טובה: זיי מאַכן שפּענצערלעך פאַר די זעלנער, און לאָזן זיך דערפאַר אָנשטאָפּן די קעשענעס. די גאַנצע מלחמה ליגט דאָ אין פּעי־ענוועלאָפּ: „וויפיל מאַכסטו?״ און „וויפיל מאַכסטו?״ עמך האָט זיך צעבריקעט, הוליעט און לעבט אַ טאָג. האָט ערשט אין דער איצטיקער מלחמה אויפגעמאַכט אַן אָויג. וואָס האָקט מען זיי אין די קעפּ אַריין מיט פּוילישע יידן? ליטווישע יידן? גאַליציאַנער יידן? רומענישע, קורלענדישע... אַז זיי וויסן שוין אַליין נישט וואָס פאַר אַ יידן זיי זיינען...

עפּעס אַ גוטן טשיקן־דינער... אַ ביסל סקאָטש... אַ רעכטע נקבה, קאָרטן...

נייטן

ביי יעדן בלעק־אַאוט האָט מען נאָך דאָ אַנטקעגן איבער, — נישט פאַרלאָשן די ליכט. מי פאַררוקט בלויז די פויערד־הענגלעך איבער די פענצטער, און מ'שפּילט אין די קאָרטן. אַזוי ווי אין אַ שפּיטאָל, וואו מ'האַלט אַיין מיטן שניידן, און מ'טאָר אויף קיין רגע נישט מפסיק זיין. די גיים מוז אָנגיין פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת לעת, אַזוי ווי די פּאָסט, טעלעגראַף און די עלעקטריק. ס'זאָל רעגענען, שנייען, פּאַלן שטיינער פון הימל, — און ס'טאָר נישט אויפ־הערן. אַון ווער שפּילט? מאַמעס, וואָס האָבן זייערע זין איבערן ים, און שלאָגן זיך אויף די ברעגעס פון נאָרמאַנדיע, אויף אַלע פּאַסיפישע אַינדזלען.

ר' איטשע

די יוראָפּישע דינסטמויד האָט זיך אין זיי צעיוכעט.

בעלגישער לאַנדסמאַן

אין על־מיר, לאָנג־איילאַנד, וואו דער בעל־הבית מיינער האָט עפּעס אַ שטיקל קאָטעדזש אויף איבערן זומער, — האָט ער זונטיק גע־דונגען אַ שיף, באַצאָלט הונדערט דאָלאַר, ער זאָל קאָנען אַרויס־פאָרן אויפן סאונד בלויז אויף אַיין שעה, — כאַפּן אַ קורישל.

נייטן

יעדע יענטע איז שוין מיט מזל אַריין אין אַ מינק־קאָוט. אויף פוירזשען־לעמב וויל מען מער נישט קוקן.

בעלגישער לאַנדסמאַן

אין די קעטסקילס קאָן מען זיך נישט אַריינשטופּן אין אַ האָטעל. ווי אַ מאַרעוויסקע האָבן די יידעלעך צוגעדעקט די בערג. וואָס דאַרט טוט זיך? מ'פרעגט נישט, וויפיל? מ'גיט הונדערט דאָ־לאַר, און אַויך מיט אַ קוואָדער, — נאָר מ'זאָל אַריינלאָזן. מ'מוז זיך פּאַרזען מיט אַ שטוב וואָכן פריער... מ'פרעסט אויפזעצנדיק, און, מ'לאַכט... אַזוי הויך, ווי מ'האָט נאָך פריער קיינמאָל נישט געלאַכט...

ר' איטשע

די יידן דאָ ווילן לאַכן... ס'איז זיי אַזוי גוט, אַז זיי ווילן לאַכן...

### ר׳ הענעך

אויב אַזוי, ס׳איז באו מים עד נפש, לאָמיר גיין אויף די בית־עולמס צו די טויטע יידן... ס׳זיינען דאָך דאָ יידישע בית־עולמס... ס׳ליגן דאָ נישט קיין גוטע יידן אין דר׳ערד, אָבער — יידן... פּראָסטע חי־וקימס, — נאָכן טויט זיינען אַלע יידן צדיקים גמורים... יום המיתה מכפר... און זיי קומען אָן אויפן עולם האמת — ריינע, לויטערע יידן... זאָלן זיי גיין בעטן ביים כסא הכבוד פאַר די יידן אין פּוילן... זיי זיינען, נעבעך, אין אַ גרויסע סכנה... זיי דאַרפן גרויס רחמים... מידרת הרחמים הרגלגלי עליהם... ווער וועט פאַר אים זאָגן הלל — אַז ס׳וועלן דאַרט קיין יידן נישט זיין, די היגע יידן?... ער האָט דאָך אַזוי ליב מ׳זאָל פאַר אים זאָגן הלל... לא המתים יהללו יה ולא כל יורדי דומה... אַפּ.

### בעלגישער לאַנדסמאַן

אַז די לעבעדיקע יידן ווילן נישט הערן פון גאַר, — אפשר וועלן די טויטע יידן הערן. אַפּ נאָך אים.

### ר׳ איטשע

פאַרוואָלקנט

ס׳איז שוין גוט אין דר׳ערד, אַז מ׳דאַרף גיין צו די טויטע יידן, זיי זאָלן זיך לויפן מיען... זעצט זיך איבער אַ ספר. ווייגט מען נישט אין יידישע הייזער אויפן חורבן?... שפּילט מען אומעטום אין קאָרטן, און מ׳ווייס נישט מער ווי פון פרעסן, זולל וסובאן, און ברילליאַנטן אויף די פינגער?... גייען נישט אַרום יידן איינגעבראָכן, און יידישע מאַמעס מיט געשוואָלענע אויגן פון וויינען? וויניק טרערן ווערן פאַרגאָסן? אַנדרולומוסיא באַ לעולם, און די קעפּ האָבן זיך ביי זיי פאַרדרייט... מ׳ווייסט נישט, צי מ׳זאָל וויינען אָדער מאַכן געלט, זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, אָדער הוליען, לעבן אַ טאָג...

### סיידי

קומט אַריין, אַ פאַרוואָגעלטע

כ׳האָב אויפגעהערט שלאָפן... אַזוי ווי כ׳מאַך צו די אויגן, — בין איך אין ווייסליץ, אין כמעלניק, אין פינטשעוו, אין אָפּט, אין צווזמער, לאַגעוו, — און זע ווי מ׳פירט יידן צו דער שחיטה... גאַנצע טשערעדעס יידן צונויפגעטוליעט אינאיינעם, ווי די שעפסן, —

קורטשען זיך אין די וואַגאָנען... וואַגאָנען מיט יידן שטייען איבער גאַנץ פוילן, און וואַרטן מ׳זאָל זיי פירן אין די שעכט־הייזער... פאַרלירט זיך.

מאַרי, שוירלי

קומען אַריין, האָבן פונאַנדערגענומענע צייטונגען אין די הענט

מאַרי

זינט די יענקס האָבן גענומען גיי, קאָן איך מיר מער קיין אָרט נישט געפינען... נישט כ׳קאָן עסן... שלאָפן... די אויגן האָבן זיך מיר נאָך נישט צוגעמאַכט...

שוירלי

וואָס פאַר אַ פייער... דער גאַנצער ים ברענט הינטער זייערע פיס...

מאַרי

ביז אַצינד האָט מען זיך געדרייט און געפרייט... געדרייט אַהין און אַהער... זיי געהאַלטן אין ענגלאַנד... נאָר ווי לאַנג קאָן מען צאַפּלען געלט פאַר קוקן אין הימל אַריין, און ציילן די שטערן? פאַר אַרומשפּילן זיך מיט מיידלעך, מיט מיידלעך אין קליידלעך און אין הויזן?... אַכט און פופציק דאָלאַר אַ חודש, און דער אַלאָטמענט פאַר מיר מיט די קינדער — דאָס גייט צו פוס? זיי וועלן דאָס אַלץ דאָך געגעבן גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין? מ׳דאַרף דאָך אַ מאָל נעמען אַרבעטן, אויך...

שוירלי

מייקיס שיף האָט פון פריער נאָך אַריינגעשטעקט די נאָז ביי גוואַם... אין די מאַריאַנוס איילאַנדס... סייפּען...

מאַרי

די יענקס זיינען שוין אַרויף אויף די ברעגעס פון נאָרמאַנדי... און זיי וועלן ערשט אָנהייבן גיין דורך פּאַקס־האָלס, פּיל־באָקסעס, און עלעקטרישע דראָטן — אַרויסהאַקן די דייטשן פון פראַנקרייך, פון בעלגיע...

שוירלי

שיינע וואָכן ווי מ׳רעדט צו די יונגע ווייבלעך, צו די מאַמעס — אַז אַ גרויסער טרויער ווי אַ שווערער וואָלקן רוקט זיך אויף זייערע היימען... און זיי זאָלן זיך שטאַרקן...

מאַרי

שטעלט־אָן די ראַדיאָ

כוויל עפּעס דהערן אויף איר... אַ רגע... מ׳רעדט פון דאָרטן... מ׳רופט אויס נעמען... אַ זעלנער פון אַרקאַנסאַ... אַ מאַרין פון ווייאָמינג... עיר־באָרן סאָלדזשע פון אָרעגאָן.... אַ סעילאָר פון מעין... פון אַלע שטאַטן...

אַ שטימע

אויף דער ראַדיאָ

אַ כמאַרע שיפן האָט צוגעדעקט דעם ים.

שוירלי

מיין מאַן איז אין איינע פון זיי...

די שטימע

אויף דער ראַדיאָ

...פינף טויזנט עראָפּלאַנען זיינען אַרויס פון די וואָלקנס, און ס׳רעגנט פון זיי מיט פייער; דער ברעג פון נאָרמאַנדי קרישעלט זיך...

מאַרי

קניט אַנידער

זיי גלעטן אויס דעם באָדן פאַר מיין מאַנס טענק... כ׳זע ווי ער ראָלט, און די ערד וויגט זיך הינטער אים...

שוירלי

מאַמע, מאַם־מע... זי בעט פאַר באַבי מיטן טענק... אויך מייקיס שיף איז מיט אים דאָרטן... כ׳זע ווי עראָפּלאַנען דרייען זיך איבער איר ווי די פייגל, און פאַרשרייען איר... פייער שלאָגט פון אירע נאָז־לעכער... זי פאַרלירט די געדערים פון בויך... די סיילאָרס שפּרינגען אין ים... מאַמע, ווי אַזוי בעט מען?... כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געבעטן...

סיידי

איר אַרומגענומען

וואָס ווייס יאַנק? ראש השנה אין שול זאָגט אַפילו אַ יידענע פאַר די ווייבער, און זיי שאָקלען־צו מיט די קעפּ... איך קאָן אַליין גאָרנישט... מיין צונג איז אַ שווערע... בלויז גאָט פון אברהם, וואָס מיין מאַמע האָט געזאָגט מיט מיר שבת פאַרנאַכט, איידער די שטערן זיינען אַרויסגעקומען אויפן דהימל.

ר׳ איטשע

ווען זי זאָל קאָנען זאָגן ברכה און מודה אני, — וואָלט זי דאָך נישט דאָ געווען... אַז אירע שוועסטערן האָבן געקאָנט, — זיינען זיי דאָרט געבליבן... און נישט באַדאַרפט קומען אַהער...

סיידי

זאָגט מיט איר

גאָט פון אברהם.

שוירלי

גאָט פון אברהם.

סיידי

פון יצחק און יעקב.

שוירלי

פון יצחק און יעקב.

סיידי

זאָל אַפּהיטן דיין מאַן.

שוירלי

זאָל אַפּהיטן מיין מאַן.

סיידי

און די הייליקע אמהות.

שוירלי

און די הייליקע אמהות.

סיידי

שרה, רבקה, רחל ולאה.

שוירלי

שרה, רבקה, רחל ולאה.

סיידי

זאָלן דערגרייכן אַ זכות.

שוירלי

זאָלן דערגרייכן אַ זכות.

אַ קלאַפּ אין טיר.

שוירלי, מארי
צערוקן זיך אויף די ווענט
אַ טעלעגראַמע.

מאַרי
מיר וואַרפט זיך צופיל ס'האַרץ... ס'וועט נאָך אַרויספאַלן...

שוירלי
מיר איז פינצטער אין די אויגן... כ'זע נישט אויף זיי...

ר' איטשע
שטייט־אויף, נעמט זיך אָן מיט כח
זיי אפשר ביישטיין דער זכות, וואָס פון מיינע אַ טעלעגראַמע האָט מען נאָך אין קיין שטוב נישט געוויינט...

מאַרי
ציטעריק
ס'קאָן נישט זיין קיין פוירלאַ פון דאָרטן...

ר' איטשע
עפנט, מאַכט איר אויף מיט ציטעריקע הענט
מייקי... אַים די קויל געטראָפן.

שוירלי
ער לעבט נישט מער... פאַלט די מוטער אויפן האַלדז. אַזוי ווי ס'האַרץ וואָלט מיר געזאָגט, אַז כ'האָב שוין מער קיין מאַן נישט... און בין צוריק אַליין...

סיידי
איר אַרומגענומען
ביזט נישט אַליין... האָסט אַ קליין קינד...

שוירלי
עס וועט קיינמאָל נישט קענען זיין טאַטן...

סיידי
טויזנטער קינדער אַזוינע...

שוירלי
ס'איז מיר שטענדיק ווי נאָכגעגאַנגען דער טויטער פון דער לווייה, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין מיין חתונה, און איר אַדורכגעשניטן אין צווייען... ווערט אַרויסגעפירט פון דער מוטער.

מאַרי

צלמט זיך

הלוואי באַבי זאָל גוט אויסשפּילן, און אַרויס אַ לעבעדיקער פון דעם פייער... אָפּ נאָך זיי.

ר׳ איטשע

שטייט דערטייטעטנט

כ׳האָב לכתחילה דאָס אויף זיך גענומען, — כ׳זאָל זיין אַ גוטער שליח, און ווי אליהו הנביא צעטראָגן פרייד אין די הייזער... און אויף מיר האָט באַדאַרפט אויספאַלן דער גורל, כ׳זאָל איר אָנזאָגן די פינצטערע בשורה?... טוט אויס סירעקל, דאָס היטל. כ׳וויל נישט מער... און ס׳איז נישט פאַר מיר...

מר. באַרענבוים

קומט אַריין צערודערט

זאָ וואָס... דאָס גיבטס ניכט... מיר מוזן גיין... עס איזט קיינע דירה מער... און ווירד ניעמאַלס זיין... איך קאָן ניכט פאַרלירן...

ר׳ איטשע

וואָס פאַרלירט איר? דעם קאָפּ? די הויזן?

מר. באַרענבוים

איינע גאַנצע שטונדע ביי דער חתונה... אַ האַלבע שטונדע ביי דער לויה... איצט — די טעלעגראַמע... ווי קאָן מאַן רואיק אַרבעטן...

ר׳ איטשע

די טעלעגראַמע האָט אייך צערעכט געמאַכט אַ לעמפּשייד... ער איז קרום אַרויס... און ס׳האָט זיך אין אייך צעקאָכט דאָס טריפהנע בלוט פון אַ רעפּיודזשיע... גיט זיך אַ וואָרף. זיי ליגן ביי מיר מיט דער גאַנצער פאַבריק זייערער, אויף דער גאַס... ס׳נעמען גלייך פליען לעמפּשיידס מיט מלבושים.

מר. באַרענבוים

כאַפּט זיך ביים קאָפּ

דער אַלטער איזט ניכט ביים זינען. אָפּ.

ר' איטשע

וויניק: ער האָט זיך אָנגעפּרעסן אויף זייער חתונה, זיך אָנגעגאָסן ווי אַ פיש מיט אַקעוויט אויפן אָנקל מאיר טויט, — וועט ער זיך נאָך איצט מאַרדעווען מיט זיי, אַז ער קאָן נישט אַרבעטן? אין דר'ערד אַריין מיטן קאָפּ! זאָל ער איצט פאַרזוכן דעם טעם פון גיין זוכן אַ דירה, וואו ס'זיינען נישטאָ קיין קינדער אויף דער מלחמה... און ס'קומען נישט אָן פון זיי קיין טעלעגראַמען... וואַרן, מ'וועט אים דען ערגיץ אַריינלאָזן מיט די לעמפּשיידס זיינע?... אין דער אָפענער טיר. אין בייסמענט אָדער אין די הייטס... דאָרט איז ס'ריכטיקע אָרט פאַר זיי...

שוירלי

קומט, — סיידי נאָך איר

נישט לאַנג זיך אָפּגעפרייט מיט אים... אַ קנאַפּ יאָר... און בלויז צוויי מיט אַ האַלבן טאָג מיט אים געווען באַנאַנד...

סיידי

געקומען און אַוועק ווי אַ ווינט... און ווי אַ ווינט אַדורכגעלאָפן דורך דער שטוב...

ר' איטשע

פאַרמחט

מ'קוקט דען צי ס'איז עפּעס דאָ דערינען? ס'האָט אַ האָפט? אַ ממשות? מ'נעמט אַרויס אַ באַני פון צוג, פון עראָפּלאַן, פון דער שיף אַראָפּ, און מ'גייט מיט אים אונטער דער חופה... פאַרציט איבערן פענצטער אַ ווייסן לייוונט מיט אַ גאָלדענעם שטערן.

שוירלי

פאַרוואָלקנט

וואָס ס'איז געבליבן פון אים... פלי אַרויף, גאָלדענער שטערן, צום הימל... ווּעסט נישט זיין אַליין דאָרט... דער הימל איז פול מיט זיי... נאָך מיליאָנען אַזוינע פון יונגע פאַרלאָשענע לעבנס, — פינקלען אין אים... און ציטערן... הימל, ביזט רייכער געוואָרן מיט דעם גאָלדענעם שטערן פון מיין מאַן... און איך — אָרימער מיט אים.

פאָרהאַנג

# דריטער אַקט

## אין דער אייגענער שטוב

איבער דער טיר — אַ דעקאָרירט בילד פון באַבי, מיט
אַ געדרוקטע אויפשריפט: „וועלקאָם האָום!“

סיידי

שטעלט־אויף אויפן טיש

ר' איטשע

פון דער אַנדערער שטוב

מחה תמחה את זכר עמלק מתחת שמי השמים.

נייטן

קומט אַריין, צעקאָכט

זעסט דעם גאָלדענעם צייכן? ס'מיינט: זי האָט זעקס מאָל געגעבן בלוט... דריי מאָל וואָלט געווען ווייניק? וויפיל בלוט האָט דאָס אַזאַ באַשעפעניש איינגעזאַנצן?

סיידי

אַז, זי הרגעט זיך אַוועק פאַר די זעלנערלעך... נאָך גוט, וואָס ס'פעלט איר אויס צו די אַכצן יאָר, אַ נישט — וואָלט זי שוין גע־ווען אַ וואַאַק... אָנגעצויגן אין אַ זעלנערישע יאַקע, מיט אַ שמאָל היטעלע אויפן קאָפּ... מ'זאָל נעמען מיידלעך אין דער ניי־ווי — וואָלט זי שוין ערגעץ געריטן אויף אַ זעגל פון אַ שיף אין מיטן ים.

נייטן

מ'פרעגט נישט גאָר ביי אַ טאַטן, ביי אַ מאַמע... עפּעס אַ נס, וואָס מער ווי זעקס מאָל קאָן מע נישט געבן... זי וואָלט שוין אַרומגעגאַנגען אָן בלוט, און באַדאַרפט קומען בעטן אַ ביסל בלוט ביי דיר, — זי זאָל האָבן וואָס אַוועקצוגעבן...

סיידי

וואָרן, בלוט פון אַזאַ אַלטע יידענע קען נאָך האָבן עפּעס אַ טעם?

שוירלי

קומט פון דרויסן, פירט דאָס קינדער־וועגעלע

מאַכסט שוין ווידער צערעכט דעם טיש? פאַר וועמען ווידער אַצינד?

סיידי

אַז כ'האָב דערלעבט צו זען מיין קינד, און פון אַזוינע פייערן, מיטביידע הענט און ביידע פיס, — זאָל איך נישט עפּעס אַרויפ־שטעלן? אַ קליינע שמחה ביי מיר? וויפיל טרערן כ'האָב פאַר־גאָסן... וויפיל נעכט ס'האָט מיך געוואָרפן אויפן בעט, ליגנדיק...

שוירלי

וואו קאָן ער ערגעץ זיין? די שטוב האָט אים נאָך רעכט נישט געזען... ער זאָל זיך דאָס קאָנען דערהאַלטן אַ שעה אין איר...

נייטן

לויפט אַרום גאַנצע טעג און נעכט אָפּזוכן קרובים פון די לעבן געבליבענע, אין די לאַגערן... צערייסט זיך גאָר פאַר זיי...

סיידי

איצט קומט אויך מאָרווין, און מיטן לעצטן גרוס פון דיין מאַן... מיט אים געוועזן אויף דער זעלביקער שיף, וואָס איז אַראָפּ אויפן גרונט פונעם ים...

שוירלי

צעוויינט זיך שטיל

סיידי

דער פאַר־עף האָט אַריינגענומען דיין שוועסטערל מיטן צעדרייטן ווייבל, און געפּאַרן מיט זיי אויפן לופט־פעלד, — אים אָפּנעמען; פאַרוואָס זאָל דער טיש זיין ווי אַ ליידיק ברעט, און ס'זאָל זיך אויף אים נישט געפינען גאָר, — אַז ער וועט אַריינקומען?... אַן עפּל, אַ באַנאַנע, אַ פּאָר פּאָמעראַנצן...

נייטן

אַ שמעק — אַ לעק...

סיידי

גיי אַריין און מאַך דיך אַ ביסל צערעכט... זאָל ער זען אַ שמייכל ביי דיר אויפן פּנים... אַ שמייכל גלעט אויס די ערגסטע קנייטשעלעך, און די הויט ווערט ווי זייד... ווי ס'האַרץ זאָל אין דיר נישט וויינען, — ער דאַרף עס נישט זען און נישט הערן... נישט פאַר אים אין די אויגן...

שוירלי

זי גייען אים אַוודאי אויך איבער, די אויגן זיינע...

סיידי

קריך אַריין אין אַ שענער קליידל... פאַרקעם דיך... אַזוינע גאָלדענע האָר ווי דו האָסט... ליפּן אַן אַ ביסל רויט זעען אויס ווי טויט...

שוירלי

וויינט העכער

סיידי

האָסט דיך אַדורכגעשריבן מיט אים... ס'קענט זיךביידע גוט... האַלדזט איר אַרום. זעסט דאָך: אויף איין שיף געווען מיט אים, איז דיין מאַן נישטאָ, און ער — יאָ... איז עס דאָך אַ מזל זאָך... גלעט איר. האָסט אים טאַקע ליב געהאַט ווי אַ יונג ווייבל קאָן נאָר ליב האָבן איר מאַן... געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן... אָבער, ער וועט צו דיר קיינמאָל מער נישט קומען...

שוירלי

אָפּ, אַ וויינענדיקע

סיידי

די מאַנדלען האָט זי נישט מער. די של־עפּע־קישקע אויכעט נישט. נאָך עפּעס, וואָס כ'וויס נישט, — פעלט איר אויך. דאָס אַלץ און נאָך מיט אַ פּיצל קינד — ווער וועט זיך אומקוקן אויף איר? שוין דאַרפן אָפּפינצטערן אירע יאָרן... די גאַנצע אלמנה איז נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט...

ר' איטשע

פון דער אַנדערע שטוב

מחה תמחה את זכר עמלק מתחת שמי השמים.

נייטן

אין דער טיר

טאַ־טע!

סיידי

זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, און מיט אַ שטיין צוקאָפּנס.

נייטן

עמיצן דערמיט לעבעדיק מאַכן?

ר׳ איטשע

קומט אַריין

אַ אין בעט זאָל איך ליגן? און נאָך אויף אַ ווייכן מאַטראַץ? מיט קישנס, לײַלעכער... די פּאַדלאָגע איז נאָך אויך צו ווייך פאַר מיר... נעגל, אַז ס׳זאָלן פון איר אַרויסשטעקן...

נייטן

מ׳האָט דאָס אַלץ געוואוסט, נאָר אויף אַזוי פּיל...

ר׳ איטשע

אַז מ׳וועט דערשטיקן די יידן מיט גאַז, און זיי פאַרברענען אין קאַלכאויוונס, אויף אַש? ראַדיום, פּעניסילין, עראָפּלאַנען, און קאַלכאויוונס פאַר יידן? באַגראָבן יידישע קינדער לעבעדיקער־הייט? ווי פאַרט זיך דאָס אינאיינעם? נאָך צוויי טויזנט יאָר דזשיזוס, סאָציאַליזם, קאָמוניזם, מענטשן־ליבע, ואהבת לרעך כמוך: אויפשטעלן די באַק פאַר יענעמס פּאַטש, — האָט מען ערשט אויסגעבויט פאַבריקן אויף צו פאַרברענען דרייסיק טויזנט יידן אַ טאָג, פאַר די גאַנצע וועלט אין די אויגן? אם כן, למה זה אנכי? צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ? איז עס דאָך נישט מער ווי אַ לונג און לעבער ביי דער נאָז? וואָס פאַר אַ מורינו איז דער גאָט צי יענער גאָט? זיינען זיי דאָך אַלע ווערט אַ זעץ אין דר׳ערד... דאַרף מען דאָך נעמען אברהם אבינוס האַק, און זיי אַלע צעהאַקן אויף שטיקער...

נייטן

עפּעס האָט זיך געטראָגן פון דאָרטן אַן אימה, אַ גרויל אין די ביינער... אַ פינצטערע מרה שחורה זיך געלייגט ווי אַ געדיכטער נעפּל... זיך נישט געקענט אַרויסרייסן פון אים... מ׳האָט זיך געזוכט אויסצורעדן, — אַז ס׳איז נישט אַזוי ווי מ׳שרייבט און מ׳רעדט... מ׳כאַפּט אַ ביסל אַריבער די מאָס... ביז ס׳גייט פון דאָרטן אַרויס און ס׳דערגייט דאָ אַהער, אַזאַ מהלך, — איז עס שוין נישט דאָס, און ס׳האָט אַן אַנדער פּנים... מ׳האָט דאָ צוגעלייגט, דאָרט צוגעלייגט, איבערגעזאָלצן, און פון אַ וואָרט איז געוואָרן אַ קוואָרט...

ר׳ איטשע

אָבער אין לאָנדאָן, אין וואַטיקאַן, און אין וואַשינגטאָן האָט מען געוואוסט? קינדער אין די וויגן האָבן געוואוסט... און מ׳האָט

געזוכט צו פאַרנאַרן מיט אַ גלעט אין בעקל, מיט אַ לעקעכל: ש־ש־ש... מ׳זאָל נישט הויך שרייען, מאַכן קולות... ס׳קאָן נאָך קאַליע מאַכן די גאַנצע מלחמה... מ׳האָט דאָך עפּעס גערעדט: אַז מ׳זאָל אין דער איצטיקער מלחמה זיך נישט צורירן צו קיין גאַז... אַז די רוצחים האָבן, אין זייער ביטערער רציחה, ווען זיי האָבן גענומען פאַלן הינטער זיך, — זיך געוואָלט נעמען צו דער־שטיקן די רוסן מיט גאַז, האָט זיי טשוירטשיל גלייך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט: איך האָב אויך גאַז! אַז די יאַפּאַנער האָבן גע־וואָלט דערשטיקן די כינעזער מיט גאַז, — האָט זיי דער גרויסער מענטש, מיטן אָפענעם פּנים, ברייטן שמייכל, קלאָרן שכל, גלייך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, — איך האָב אויך גאַז! נאָר ביי מיליאָנען יידישע, הייליקע יידישע מאַמעס און זייערע כשרע פּיצלעך עופהלעך, האָט מען זיך געמאַכט געפּגרט, און ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל אָנכאַפּן ביי דער האַנט... און יידן זיינען געווען די איינציקע וואָס מ׳האָט געגאַזט אין דער מלחמה... די גאַנצע וועלט האָט געמילטשעט, אַזוי, אַז זיגעלבוים האָט זיי איר באַדאַרפט צו וואַרפן, — עסט אייך אָן און ווערט מיט איר דער־שטיקט... ווי ווערט זיך די אייגענע וועלט נישט באַגראָבן ס׳פּנים פאַר חרפּה, אין מיליאָנען יאָרן אַרום? אויף טשוירטשילן איז זיך, נישט געווען בעסער צו ריכטן. דער טומאה־באַרג איז פול מיט טומאה. דאָס בלוט פון אונדזער אומה האָט ביי אים געטריפט ווי זיסער האָניג פון די ליפּן, מיט דעם גיפט פון זיין טריפה־נעם שמייכל. יענע זיינען וואַלד־גזלנים, און ער — אַ פּיראַט! אָבער דעם גרויסן מענטש וואָס מ׳האָט דאָ געהאַט, אַזוי גרויס פאַר דער וועלט און קליין פאַר יידן, — ווי האָט אים דאָס געקאָנט גיין איבערן האַלדז, און דאָס אַזוי גלאַטיק אַראָפּשלינגען? זיך אויך נישט געוואָלט איינריכטן ס׳מויל מיט יידן? נעמען די יידן אין מויל אַריין?

סיידי

ער איז שוין זיינס איבערגעקומען.

נייטן

צופיל אפשר געהאַט אויף זיך... אַזאַ ביטערע מלחמה... און דאָס נישט געקאָנט צוליב די מענטשן זיינע...

ער האָט נישט געהאַט קיין גרעסערן איבער זיך... און געווען מלך נישט בלויז דאָ נאָר איבער דער גאַנצער וועלט... צו זיין וואָרט האָט זי געהאַלטן אָפּן מויל און אויערן... וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען קדוש וטהור... און ער האָט בלויז געברויכט אַראָפּלאָזן די ברעמען איבער אים, און זאָגן: מ'טאָר אויף די יידן נישט אויפהייבן די האַק, וואָלט זי זיך נישט אויפגעהויבן... ער האָט עס אָבער נישט געזאָגט... זיין מויל איז געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער... וועגן וועמען ער האָט אַלץ נישט גערעדט, נאָר נישט וועגן די יידן וואָס מ'ברענגט אום... אויף וועמען ער האָט זיך אַלץ אומגעקוקט, ער איז דאָך געווען דער טאַטע פונעם פאַרגעסענעם מענטש, — נאָר נישט אויף די יידן... ס'האָבן זיך צו אים געטוליעט די אומות העולם, נאָר די יידן האָט ער מיט זיך נישט אַנגעוואַרעמט... ס'קאָן זיין, אַז דער רוצח וואָלט דורכדעם עפּעס געוואָלט, נו? ס'איז דען נישטאָ אַזאַ זאַך ווי פדיון שבוים? האַנדעלט מען נישט בעת מלחמה? מ'טוישט זיך נישט מיט קיין מלחמה געפאַנגענע? מ'זאָל אים געווען אָנבאָטן איין טויטן דייטש פאַר טויזנט לעבעדיקע יידן, וואָלט ער זיי, אין זיין רציחה צו די יידן — געווען אַוועקגעגעבן... און אַזוי ווי ער האָט נישט געקאָנט אָפּן אַרויסקומען מיט דעם, — האָט ער זיי באַפוילן צו טייטן מיט די ערגסטע טויטן, און מיט דעם אפשר צעוויגן די מאוסע וועלט, אַז זי זאָל אויפמאַכן ס'מויל, — אַ נעבעכטיקער טאָג... זי האָט ס'מויל נישט אויפגעמאַכט... זאָל מען זיי גאַזן! גאַז? מיט גאַז וועט ער איר שוין זיכער האָבן אַנגעכאַפּט ביים האַלדז... אַפילו קעץ, הינט טאָר מען דאָס נישט... היבט זיך גאָרנישט אָן... קעץ טאָר מען טאָקע נישט, הינט אויכעט נישט, און יידן — יאָ... זיי האָבן נאָך ווייניקער חשיבות פון קעץ... איז ער אַריין אין דער רציחה, — קעץ האָבן איבער זיך אַ צער בעלי חיים, און די יידן האָבן דאָס אויכעט נישט?... און געהייסן וואַרפן זייערע לעבעדיקע קינדער אין פייער אַריין... אַ... וואָס וועט די וועלט צו דעם זאָגן?... און די וועלט האָט צו דעם אויך גאָרנישט געזאָגט... אַזאַ פאָדלע וועלט!... ס'וואָלט זיך דאָס עמיצער כאַטש פאַרקרימט... האָט ער געגעבן אַ געשריי: זאָלן זיי פאַר זיך אַליין אויסגראָבן קברים, און מ'זאָל זיי פאַרשיטן ווי זיי גייען און שטיין... און

אַז דאָס האָט אויך קיינעם נישט געאַרט, איז ער געבליבן שטיין פאַרנאַרט: הע? אויב ס'אַזאַ וועלט, — איז ער דאָך דער גרעס־טער מענטש אויף איר... ווער קאָן זיך גלייכן צו אים?

נייטן

וואָס קאָן מע וויסן? און ווער קאָן דאָ עפּעס זאָגן?

ר' איטשע

ס'איז נאַר צו שטוינען, וואו דער מענטש האָט געקאָנט אָנשפּאַרן: כל המקיים נפש אחת מישראל, כאילו קיים עולם מלא... און דאָ האָבן מיליאָנען יידן זיך געטרונקען ביז איבערן האַלדז אין בלוט... ווי די שטומע שאָף געקוקט צו אים: לאָז אונדז נישט אויסראָטן!... און ווען ער זאָל אים געווען געבן איבער די הענט... רבונו דעלמא כולא, די גאַנצע וועלט עולם הבא וואָלט דאָך ווייניק געווען פאַר אים... בלויז די ברכות פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע נפשות, פון די לעבעדיקע יידן, פון אַלע גוטע גוים... זיינען דען נישטאָ קיין גוטע גוים?... ס'וואָלטן זיך דאָך צעוויגט אַלע זיבן הימלען: הע? אַ ילוד אשה זאָל דאָס קענען, און דערצו געזאָלט זוכה זיין? מלאכים ושרפים געפאַלן פאַר אים אויפן פנים, די גאַנצע פמליה של מעלה, די אבות, די הייליקע אמהות, די תורה הקדושה, און גערופן: קדוש, קדוש, קדוש! אָבער אַז ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מיליאָנען טויטע יידן אין הימל אַריין: געקעפּטע, געגאַזטע, צעריסענע, צעפּליקטע, צעשטאָכענע, אַזוינע הרוגים, וואָס מ'האָט נאָך דאָרט אויבן, זינט דער הימל איז הימל נישט געזען, און דאָ איז ער מלך... האָט מען געגעבן אַ געשריי, — מ'זאָל אים כהרף עין צונעמען פון דאָרטן, און זיך קומען שטעלן לפני מלך מלכי המלכים...

נייטן

ער וואָלט כאָטש דערלעבט צו פאַרענדיקן די מלחמה, און נישט — אַ פּאָר טאָג פאַרן סוף...

ר' איטשע

פּסקנט אָפּ

אַזוי ווי משה רבינו האָט נישט געקאָנט אַריינברענגען די יידן אין כנען, ווייל ער האָט געשלאָגן דעם שטיין, — אַזוי האָט ער דאָס נישט געקאָנט, ווייל ר'האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט ווי מ'ברענגט אום די יידן. אָפּ.

באַבי

קומט פון דרויסן

מאַרי איז דאָ?

סיידי

ווי צעקאָכט ער איז... שוין עפּעס געהאַט אין מויל?... דער טיש באַוועגט זיך... גיט אים עפּעס פון טיש.

נייטן

אָפּגעזוכט אַ סך קרובים?

באַבי

עסט

דריי אין דער בראָנקס, איינעם אין יאָנקערס, און נאָך איינעם אין פּאָרטשעסטער.

נייטן

קיין עין הרע.

באַבי

כ׳האָב שווער געאַרבעט ביז כ׳האָב זיי דערטאַפּט... וואָרן, זיי ווייסן דאָרט עפּעס פון אַ גאַס? אַ שטאָט? ביי זיי איז באָסטאָן און פּיטסבורג — איינס; ציען אַרויס פונעם קאָפּ אַ פעטער, אַ מומע, וואָס די מאַמע זאָל אַ מאָל האָבן וועגן אים איבערגערעדט, ווען זיי זיינען נאָך געווען יונג...

סיידי

אַ סך פון זיי זיינען איצט אינגאַנצן זיבעצן־אַכצן יאָר אַלט, און ווען די מלחמה האָט זיך געמאַכט, — באַדאַרפט זיין אַכט־ניין... וואָס קאָנען זיי וויסן?

באַבי

כ׳לויף אַרום זוכן אַן אָנקל און טרעף אים ליגן מיטן קאָפּ איבערן דעסק... מאַך איך אַ געוואַלט; כ׳האָב פאַר דיר אַן אוצר — אַ שוועסטערס אַ ייִנגל, מיט אַזאַ שיין פּנימל...

סיידי

הלואי וואָלט עס געווען פון מיינע אַ שוועסטער... ס׳זאָל האָבן געבליבן אַ געדעכעניש פון איר...

באבי

און ער נעמט צומאָלט נישט אָוועק דעם קאָפּ פונעם דעסק... אַזאַ הונט מיט אויערן... ה'אָסט באַדאַרפט הערן ווי דער יידישער סאָלדזשער־באָי האָט אים געגעבן... קלאַפּט זיך אין האַרץ. אַז ער וואָלט נישט געריטן מיט זיין טענק ביי די דייטשן אויף די קעפּ, — האָט ער אויך אַ ברירה געהאַט נישט בעסער אַפּצושניידן... און ס'וואָלט נאָך צו אים אויך דערגרייכט זיין האַנט... ס'זיינען דאָרט געווען רייכערע יידן פאַר אים, און זיי זיינען אַרויס מיטן רויך פונעם קוימען... זיך נישט געקאָנט אויסקויפן מיט די גרויסע געשעפטן זייערע...

מאַרי

קומט, האָט אַ פּיצל קינד אויף די הענט

דאָס איז די פייף פּאָינט בייבי.

באבי

גיט דעם קינד אַ קוש

ס'קינד מיט די פינף שפּיצן, וואָס האָבן מיך אַהיימגעבערענגט.

נייטן

כ'האָב געמיינט: דו וועסט כאָטש ברענגען אַ פּאָר טויטע דייטשן אין קעשענע, — זיי זאָלן דאָ הענגען אויף דער וואַנט ווי די אויסגעשטאָפּטע פייגל...

באבי

כ'האָב געברענגט זיך; ביז צו דער מלחמה בין איך נישט געווען, און כ'האָב מיך דאָרטן אָפּגעזוכט...

מאַרי

באַקוקט

עי פּורפּל האַרט... עלף באַטל סטאַרס... עי פּרעזידענשל סאַאיטיישען... קושט אים. פון איין עק ביזן אַנדערן...

באבי

געקאָנט האָבן מער, ס'זאָל זיין וואו זיי אָנצושטעכן.

מאַרי

קושט אים

נאָר מיין גאָט איז געווען גוט צו מיר, און מיר אָפּגעגעבן מיין מאַן.

באבי

ס'איז נישט דיין גאָט, נאָר דער אימפּעט אַז איך הרגע צוויי דריי דייטשן פאַר יעדן ייד...

נייטן

כאַטש אַ פּאָר טראָפּן דייטשיש בלוט פאַר דעם ים יידיש בלוט, וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן...

באבי

כ'האָב זיי געשלאָגן פון די ברעגעס אין נאָרמאַנדי, פון זיי געריסן שטיקער, — דורך גאַנץ פראַנקרייך, בעלגיע, אַריבער די מאַזשינאָ־ליין, רהיין, ביז צו דער עלבע... די הענט וויגן זיך מיר נאָך פונעם שלאָגן... מיין טענק איז איינמאָל געבליבן שטיין צעשראָקן און פאַרנאַרט ווי אַ שעפּס פאַר אַ וואָלף, — בין איך אַרויס צו זיי מיט מיין מעסער... איינער האָט מיך צערעכט געמאַכט פון רוקן, נאָר ס'מעסער האָט זיי אויפגעשיילט ווי מיט אַן אַקער־אייזן די ערד...

מארי

דאָס האָט מען דיך דעמאָלט אַריבערגענומען קיין לאָנדאָן, אין אַ האָספּיטאַל.

באבי

מ'האָט מיך אויסגעהיילט פון די שניטן זייערע, און אַוועקגעזעצט אויף צוויי וואָכן — כ'זאָל מיך וואַרימען אויף דער זון... נאָר כ'האָב מיך געריסן צום טענק מיינעם, מיך אַרויפגעכאַפּט אויף אים, און ער איז געוואָרן מיין רייטנדיקער לייב... מיך געטראָגן אויף זיין צעפּלאַקערטער גרזשיווע, און געבלאָזן מיט פייער, מיט רויך פון זיינע נאָז־לעכער... כ'האָב צעטרעטן מיט אים דייטשישע הייזער, זיי פאַרברענט און צעוואָרפן ווי די סנאָפּעס שטרוי... ביי יעדן פלאַם וואָס ער האָט אַרויסגערופן פון אַ הויז, — האָב איך מיך אַראָפּגעבויגן און אים געקושט אין קאָפּ...

מארי

צלמט זיך

נייטן

ס'דאַרץ וואַקסט אין מיר און ווערט גרעסער, אַז כ'הער דאָס... כ'ווער ביי זיך מיט הונדערט קעפּ העכער...

באָבי

מיין בלוט קאָן זיך אַלץ נישט שטילן... עס הערט נישט אויף צו שרייען אין מיר, זינט כ׳בין דאָרט געווען, און געזען ליגן קופּעס טויטע יידן אָנגעוואָרפן — ביז אונטערן הימל... די אויגן זיינען מיר געקראָכן פונעם קאָפּ... די הענט זיך געצויגן אויף מיילן, און זיי געזוכט ערגעץ אָנצוכאַפּן, צו צעמאַלן אויף שטויב... כ׳האָב מיך אַראָפּגעבויגן: צונויפנעמען אַ שטיק מיט אַ שטיק, גאַנץ מאַכן איין ייד, — אַזאַ גבורהדיקן, יונגן, ברייט־ביינער־דיקן... אַריינאָטעמען אין אים מיין אָטעם... אַז ס׳האַרץ זאָל זיך נעמען רירן... אויפמאַכן די אויגן... און אָנהייבן לעבן...

נייטן

ער איז דער אמת׳ער גואל הדם.

באָבי

און אויף די לעבעדיקע, וואָס מיר זיינען אַרויף? וואו האָט מען נאָך געקאָנט זען אַזוינע ברואים? ס׳האָבן געזאָלט זיין פאַרבליבענע פון יענע יאָרן, — ווען דער מענטש איז נאָך נישט אַרויס פון דער חיה? די חיה איז אַוועק, און דער מענטש — נאָך נישט אָנגעקומען?... מענטשן פון בלויז ביינער און קנאָכנס, — פאַרצויגן מיט אַ הייטל... וואו איז אַהינגעקומען ס׳פלייש זיי־ערס?... עפּעס מענטשן אָן פלייש אויף זייערע לייבער... זעכ־ציק־זיבעציק פונטיקע מענטשן, און מיט גליענדיקע אויגן...

נייטן

מ׳האָט זיי אַזוי אויסגעמאָרעט, ביז ס׳פלייש איז ביי זיי אַראָפּגע־פאַלן פונעם לייב...

באָבי

אַרום ליגן טויטע יידן, און פון די לעבעדיקע ווייעט מיט רחמים... ס׳האָט שוין ווער געהערט ווי ס׳וויינען טויזנט, צוויי טויזנט, דריי און פיר טויזנט יידן מיט אַ מאָל אויפן הויכן קול?... ס׳הערט דע־מאָלט אויף צו זיין אַ געוויין, און ס׳איז אַזוי ווי אַ געוויין פון אַ וואַלד, וואָס דאַרף באַלד ווערן אויסגעריסן מיט די וואָרצלען... אַ געוויין וואָס פאַרקילט ס׳בלוט... און אַלץ שטאַרבט־אָפּ... מ׳קומט צו צום לעצטן אָטעם, ווען ס׳גייט אויס די ערד פון אונ־טער די פיס... איך האָב געהערט ווי טויזנטער יידן וויינען:

איר זענט יידישע זעלנער?... פון איבערן ים?... ווען איר וואָלט בלויז געקומען מיט עטלעכע טעג פריער, — וואָלט איר זיי אַלע נאָך געטראָפן לעבעדיקע... און נישט געהאַט ווען זיי אויסצושיסן...

נייטן

האָסט זיך נישט נאָכגעפרעגט אויף קינדער פון מיין שטאָט, וואָס מ׳האָט פאַרשלעפּט אויף אַרבעט אין די לאַגערן?

באָבי

זיי זיינען פון טויזנטער שטעט... איינער פון דאָ, דער אַנדערער פון דאָרט... מ׳האָט זיי אויסגעמישט... צו איינציקע פון משפּחות... זעלטן — אַ ברודער מיט אַ ברודער, צי מיט אַ שוועסטער... צעריסענע... אויך פון דיין שטאָט זיינען אָוודאי דאָ אַ פּאָר לעבן געבליבענע... יעדע שטאָט האָט אַ פּאָר... ווי אַ זכר פון איר... אַ רעשטל... אַ קליין הייפעלע... זיי וועלן זיך צונויפנעמען, אָפּזוכן איינס ס׳אַנדערע, און זיך איבערציילן...

סיידי

ס׳האָט זיי כאָטש געהאַט צו געבן עפּעס אין מויל אַריין: אַ שטיקל ברויט... אַ טראָפּן מילך... אַ בגד...

באָבי

אונדזערע באָיס האָבן זיך געטיילט מיט יעדן ביסן... אים אפשר אויך איינגאַנצן אָוועקגעגעבן... מ׳האָט געריסן פון הינטער דר׳ערד: וועגענער ברויט, קאָנסערוון, זעק מיט פליייש, קעז... פּוטער... פּעטס... און זיי אויך צעפּירט אין די דזשיפּס, — אַ ברודער צו אַ שוועסטער, אַ ברודער צו אַ ברודער, מ׳איז געלאָפן איבער די קעפּ...

סיידי

פּאָרט אייגן בלוט.

נייטן

ס׳זאָל זיך ווער ריכטן אויף די היגע באָיעלעך, אַז זיי וועלן זיך דאָרט אַזוי צעוואַרימען?

מאַרי

אין דער טיר

דיין עלטערע טאָכטער וויל דיך זען... פריער האָט זי נישט גע־וואוסט, אַז זי האָט אַ טאַטן... און אַצינד מאָנט זי דיך ביי מיר — איך זאָל אים איר געבן...

באַבי

שוין, טעכטערל... כ׳גיי נישט מער אַוועק... פוירל אַ פּאָר עווער... אַפּ.

סיידי

פּאַראַרבעט

וואַרט... עס וועט נאָר ווערן שטיל ביי אים אין קאָפּ, וועט ער זיך נעמען צו דיר... ער האָט פאַר דיר אַזאַ לאַנגן צעטל.

נייטן

כ׳וועל מיך אַליין אַריבערלייגן... דער הונט איז ווערט דעם שטעקן... אַז כ׳האָב געקאָנט פאַרזען דעם ייד ביי אים?... אים אויפכאָוועון אַן דעם פּיצעלע ייד?... מעג ער מיר געבן מיט אַ שטיק האַלץ איבערן קאָפּ... כ׳האָב עס מיר כשר פאַר־דינט... איך פריי מיך נאָר, וואָס ס׳האָט זיך פאַרט אַין אים דערוועקט... אַפּ.

מומע רחל, מר אָברעק — קומען ביידע פון דרויסן.

מר. אָברעק

צעקאָכט

איך האָב צוויי טייז, זאָל מיר קומען אין קאָפּ אַריין, — אַז ער קאָן האָבן אַ פּלאַש?

מומע רחל

האָט ער געכאַפּט ביי דיר אַ פּאָר טאָלער, — וואָס קומט זיך שוין אַזוי צו וואַרפן?

מר. אָברעק

ס׳גייט מיר אין די פאַר טאָלער? ס׳גייט מיר: וואָס אַ מענטש הייבט זיך אויף פונעם טיש, און וויל נישט איבערגיין נאָך אַ גיים... און דאָס איז אַן ערלעכע האַנט?

מומע רחל

זיך דאָס מאַרגן אָפּנעמען ביי אים... ס'ערשטע און לעצטע מאָל דו שפּילסט מיט אים?

מר. אַברעק

ער קאָן מיך מער נישט צוקריגן צום טיש, — ער זאָל זיך אַפילו שטעלן אויף דער נאָז... גייט אין דער אַנדערע שטוב, פון וואַנעט ער קערט זיך אום. אַ גוטן. אַפּ.

סיידי

זיך קוים דערמאָנט... ס'וועט נישט נעמען קיין האַלב יאָר ביי אים אויף צו צעפּטרן דעם אָנקל מאירס געלט.

מומע רחל

ער שפּילט נישט גרויס.

סיידי

ער איז קראַנק צו זאָגן אַ שטיקל תהלים אויף דער עלטער? די קאָרטן וועט ער זיך מיטנעמען אויף יענער וועלט?

מומע רחל

דאַרף ער דאָך קאָנען.

סיידי

זיך אַריינגענומען אַ זלאָב, עפּעס אַ רומענישע חיה, וואָס ווייסט נישט פון קיין ציירע פּאַר אַן אַלף, נאָר פרעסן און שפּילן אין קאָרטן. דער אָנקל מאיר איז דאָך געווען אַ קייסער קעגן אים...

נייטן

צוריקקומנדיק

פון איין פערד אַראָפּ און אויפן אַנדערן — אַרויף.

מומע רחל

צערייצט

כ'וויל האָבן אויף וואָס צו רייטן, נו?

סיידי

צו ניין און זעכציק יאָר?

מומע רחל

ניין און זעכציק יאָר איז אַלט? אין יוראָפּ האָט מען שוין אַ מענטש אין די יאָרן אַוועקגעשטעלט, און דאָ צענעמט ער ערשט די הענט, און מאַכט אויף די אויגן...

סיידי

אין שעה איין טאָג לאָזט מען זיך וואַשן דעם קאָפּ... די אַנדערע שעה זיצט מען אונטערן לאָמפּ און מ'טריקנט אים... אַ האַלבע שעה צי מער גלעט מען אויס די קנייטשן מיט עלעקטריק... אַ קאַלט האַנטוך אַראָפּ און אַ הייס — אַרויף... בלענטשאַרדס מילך קרים... ליידי אַסטארס פּאַודער... די קיניגן מעריס ליפּ־סטיק...

מומע רחל

ער מוז דאַך כאָטש האָבן אַ שטיקל פּנים... וואָס האָב איך אים מער צו געבן?...

נייטן

ער האָט געמעגט אַרבעטן ביז נאָך ניינע אויף דער נאַכט, און איבערלאָזן ניין טויזנט דאָלאַר אויפן ביכל...

סיידי

ער מיט די קאַרטן און זי מיטן פּנים — וועלן עס גיכער צערעכט מאַכן, ווי ער האָט עס געמאַכט... אַזאַ אַלטע קליפּה... נישט געקאָנט אויסוואַרטן ס'יאָר, און נאָכגיכער געלאָפן מיט אים צום רב... ס'האָט איר געשווענדזשעט... דאָס געלט געשטאָכן...

נייטן

אַז דאָס פערד וואָלט זיך נישט אוועקגעהרגעט ביים מאַשינדל, — וואָלט עס נאָך געלעבט; נישט אָפּגעשפּאָרט אַזוי פיל געלט — זיך נישט געהאָט פאַר וואָס צו קויפן אַ צווייטן מאַן.

סיידי

ער וועט נאָך פאַר זיין אַריינאַרבעטן, בלייבן ליגן אָן אַ שטיין, — דאָס וועט זיין דער סוף זיינער.

נייטן

מיט דעם האָבן אים די ברידער פון דער סאָסייעטי, באַוואָרנט. זיך פריער נישט געוואָלט צורירן צו אים, ביז מ׳וועט איינלייגן הונ־דערט מיט אַ קוואָדער.

סיידי

די סאָסייעטי האָט שוין געמוזט האָבן רבי געלט.

נייטן

ביים לעבן זיך מיט אַלע כוחות אויסגעהיטן, נישט אָנצוקומען צו איר — ווי שלעכט ס׳האָט אים נישט געזאָלט זיין... די ברידער זיך נישט ברויכן צו וואַשן אין זיין בלוט... און נישט געקאָנט אויסרעכענען — אַז ער וועט אַריינפאַלן צו זיי נאָכן טויט, און מיט אַזוי פיל געלט ווי ער האָט איבערגעלאָזט... און זיי זאָלן אים דאַרפן אָוועקשטעלן אַ שטיין סי, אָ, די, — לויט די ביי־לאָוס פון דער קאָנסטיטושאָן.

מומע רחל

פאַרביטערט

וואָס קאָן איך רעדן? קאָן מע אויפמאַכן ס׳האַרץ פאַר יענעם — ער זאָל דערין אַריינקוקן? כ׳זאָל געוועזן וואַרטן נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, — וויפיל יאָרן האָב איך דאָס אינגאַנצן? וואָלט זיך ווער געוואָלט אומקוקן אויף מיר? וואָס בין איך אַ יונג ווייבעלע? וואָלט איך דערנאָך גאַנץ שיין געמעגט צעטרענצלען דאָס ביסל מעבל, און זיך גיין אַריינלייגן אין אַ מושב זקנים. וואָס קומט מיר, אַז כ׳וויל מיך נאָך נישט לאָזן באַגראָבן אַ לעבעדיקע? וואָס בין איך שוין, אַן אַכציקער? און וויל נאָך לעבן? אַרויסגיין צווישן מענטשן... אַז מ׳איז אַליין קוקט זיך עמיצער אַ סך אום? אַפּ.

4־עף, עסטעל, מייבל, זינגענדיק אין דרויסן: „אַנקאָרס עווער״, קומען זעלנעריש, —פירן מאַרווינען אונטער די אָרעמס, וואָס איז אָנגעלענט אָן אַ קראַוטש.

סיידי

צערודערט

וואו איז שורלי? איר נישט געזען אין דרויסן, פאַר דער טיר?

נייטן

זיך אַוודאי פֿאַרקראַכן מיטן קינד.

סיידי

זיך פֿאַרגייענדיק מיטן רופֿן

שויר־לי!

נייטן

נישט דרייסט

זיך נישט דאַרפֿן מער אומקערן אויף דער שיף?

מייבל

וואו האָט ער אַ שיף? זי ליגט שוין לאַנג אַן איבערגעקערטע אין ים.

מאַרווין

אַז כ'וועל קאָנען שטיין און גיין אויף ביידע פֿיס, און צוריקגיין אויף אַ שיף, — מיך אַלעמאָל אויף איר אַרויפֿלאָזן...

מייבל

גאַנץ שיין צונעמען.

4־עף

איינמאָל אַרויס פֿון איר מיט גאַנצע ביינער, — זאָל זי נאָך אַמאָל דאַרפֿן אונטערגיין מיט אים? נישט אַלעמאָל בלייבט מען לעבן, אַז מ'איז אויף אַ שיף וואָס גייט אונטער...

מאַרווין

אַכט חדשים אין האָספּיטאַל.

עסטעל

ווען איך זאָל זיין עי באַי, וואָלט איך שוין פֿון לאַנג געווען אין דער נייווי, און געפֿירט אַ באַטל־שיף, — איינע אַליין...

נייטן

וואו? אויפֿן פּאַסיפֿישן ים? אויפֿן אַטלאַנטישן? צי גאָר אויפֿן מיטלענדישן?

סיידי

זי וואָלט איר געפֿירט אויף אַלע ימים, נאָר צום מיינסטן, אויף איר אייגענעם ים, — אין פּיט־סטריט פּול.

עסטעל

מייבל, ווילסט זיין עי קעפטעין פון עי באַטל־שיף?

סיידי

אין סטיפּלטרזשייז?

מייבל

אָ, גאַש! מיר ליגט מיין מאַן אין קאָפּ, און נישט אַ באַטל־שיף. שוין אַזוי פיל חדשים ווי כ'הער נישט פון אים...

עסטעל

ווי אַזוי קאָנסטו הערן פון אים, אַז ער איז מיסינג אין עקשן.

נייטן

וואָס זאָגט די רעד־קראָס?

מייבל

די רעד קראָס זאָגט גאָרנישט. זי האָט אים שוין אַרומגעזוכט אויף אַלע פּאַסיפישע אינדזלען. אויף זיי און אונטער זיי...

סיידי

דו קריגסט דעם אַלאָטמענט פון דיין פריערדיקן מאַן, און אויך פון דעם איצטיקן, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן... צוויי אַלאָט־מענטס... און דעם דזשאָב אין אָפיס האָסטו אויך אָן... וואָס ווילסטו נאָך מער?

מייבל

וואָס דאַרף איך דעם אַלאָטמענט? דעם דזשאָב אין אָפיס? איך האָב שוין צוויי מאָל חתונה געהאַט, און ברויך שלאָפן אַליין אין בעט... נישט איינמאָל באַפאַלט מיך אַ ווילדקייט, און צע־רייס ס'ליילעך מיט די פיס... אָ, ווען איך זאָל וויסן, אַז ער לעבט נישט מער, — קאָן איך גלייך אויף צומאָרגנס חתונה האָבן...

סיידי

צום דריטן מאָל?

נייטן

און אין איין יאָר?

סיידי

טפו... זי מוז האָבן ווערים אין בלוט... וואָרן, ס'וועט זיך נאָך געפינען אַ באַי, וואָס זאָל נישט קיין מורא האָבן זיך צו־צורירן צו דיר?

מייבל

וואָס האָט ער מורא צו האָבן?

סיידי

נאָך דעם מזל וואָס יענע האָבן ביי דיר געהאַט?

מייבל

זיי לאַכן זיך אויס דערפון...

עסטעל

האָסט שוין עמיצן אויפן אויג?

מייבל

עי סעקאָנד לייטענאַנט. אָ, גאָש! דשעקי איז געווען עי באָמבאַר־דירער... און פרענקי, — עי מאַרין... אוןביידע נישט מער ווי סאַרדזשענטס... איך האָב אַמאָל געקאָנט אַרויפקוקן צו אַ לייטענענט? און ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, זאָגט ער מיר צו צו זיין עי מיידזשער דזשענעראַל אין רעזערוו...

סיידי

דאָס ווייבל איז גערירט אויפן קאָפּ.

מייבל

איך שיק נאָך היינט אַ טעלעגראַמע צו דער רעד־קראָס: אַ לע־בעדיקן אָדער אַ טויטן. מיסינג אין עקשן איז נישט אַהין און נישט אַהער. און כ׳בין ווי אַ געבונדענער שעפּס... און אַז איך וועל נאָר דערלעבן צו הערן אַז ער איז נישטאָ — האָב איך גלייך אויף צו מאָרגנס אַ סעקאָנד לייטענאַנט פאַר אַ מאַן, און נאָך דער מלחמה — אַ מיידזשאַר דזשענעראַל אין רעזערוו. אָפּ.

סיידי

שפּייט

זי דאַרף דאָס מענער אין עסק אַריין, מ׳זאָל באַהיט ווערן.

נייטן

ווייסט מע, ווי אַזוי די מלחמה הרגעט אָוועק מענטשן? ס׳מוזן נישט גראָד זיין קיין זעלנער, און אויפן פראָנט... זי זוכט זיי אָפּ אין די שטיבן... יענע, דיין טאָכטער, — וואו מ׳מאַכט־אויף אַ טיר איז דאָ איינע אַזוינע...

עסטעל

זינגט

אַ סיילאָר־באָי איז ווי אַ שטרוי, דין
די אויגן, ווי דער ים — גרין,
די שיף אונטער זיינע פיס,
וויגט זיך ווי אַ שאָל פון אַ נוס.

צעשריגן

געט מי עי סיילאָר!

סיידי

אַפילו מיט קראוטשעס?

נייטן

אפשר גאָר אַן אַדמיראַל?

עסטעל

אויב ער איז נישט עלטער פון זיבן און צוואַנציק יאָר...

נייטן

וועט ער דיך נעמען? וואָס האָסטו צו פּאַרקויפן צו אַן אַדמיראַל און נאָך פון זיבן און צוואַנציק יאָר? אַ פּאָר באַטל־שיפן? דע־סטראָיערס? אַן עראָפּלאַן־קעריער? דו וועסט זיין דער פּלאָט זיינער? און מיט די דינע פיסלעך דיינע אַרויסגיין אויפן ים, מלחמה האַלטן? מיט די בלישטשנדיקע אייגלעך? שוין... אַראָפּ דער גלאַנץ פון זיי... אויס מיוחסים, די סיילאָרס... אָפּגעקלאָפּטע הושענות... מ'וועט באָדן ביי זיי צונעמען די שיפן מיט די ברייטע בלאָע הויזן, און דהייסן גיין אַהיים...

4־עף

די מלחמה שטאַרבט שוין אָפּ... מ'כאַפּט שוין נישט מער פון די דהענט... מ'באַהאַלט נישט מער... מ'גיט נישט מער אונטערן טייבל... ס'איז דאָ פון אַלעם איבערן קאָפּ...

עסטעל

אים האַרט אין פּנים

פאַרוואָס ווילסטו מיך?

סיידי

כע־כע... פאַרוואָס אַ באָי וויל אַ שיין מיידל...

4-עף

איר אין די אויגן

פֿאַר אַ שטיל̄ע שיינע היים, וואו כ'וועל מיך קומען אָפּרוען, און דיך זען אַרומגיין אויף די שפּיצן־פֿינגער, — אין רויטע זיידענע הויזן... פֿאַר דער קאַר — ס'זאָל ווער זיצן נעבן מיר, אַז כ'וועל איר פֿירן... פֿאַרן רעסטאָראַן, — ס'זאָל ווער האָבן אָפּצועסן מיט מיר ביים טיש... קושט איר. און...

עסטעל

מאַכט זיך אַרויס

פֿאַרוואָס זעסטו נישט צו קריגן אַ שיף... אַזאַ שיינער באַי... אַזאַ גלייכער... דו וועסט דאָך אַרויסשיינען פֿון די הויזן... די מיידלעך דיך באַפֿאַלן ווי די בינען... ביי דיר ליגן צו די פֿיס... לעקן דיינע פֿינגער... און איך אַליין דיך צוכאַפּן מיטביידע הענט... אָפּ.

4-עף

אויב ס'גייט איר אין די סיילאָרישע הויזן, — וועל איך מיר זען זיי צו פֿאַרשאַפֿן... אַז מ'קריגט שוין אַלצדינג, וועט מען נישט קריגן קיין פֿאַר הויזן? אָפּ נאָך איר.

סיידי

אַ כישוף שטעקט אין די סיילאָרס; זיי האָבן כישוף־געטון די מיידלעך...

מאַרווין

געלאַסן

די הויזן, ס'היטעלע, די שיף, דער ים, — אַלץ־אינאיינעם איז אַ ביסל צופֿיל פֿאַר אַ זעכצן־זיבעצן יעריק מיידל... און ס'קעפּל מוז זיך איר פֿאַרדרייען ווי ביי אַ פֿייגעלע, וואָס וויל צו הויך פֿליען...

שוירלי קומט מיטן קינד וואָס איז אין קינדער־וועגעלע.

סיידי

וואו ביזטו דיך פֿאַרקראָכן? מ'קאָן נישט שטיין מיטן קינד אין דרויסן פֿאַר דער טיר, — נאָר זיבן בלאָק פֿונעם הויז? דאָרטן איז די זון וואַרימער?

שוירלי

שטייט, דעם קאָפּ אויף אַראָפּ

געקומען זען ס'קינד?

סיידי

ס'קינד, און דיך אויך.

מאַרווין

נעמט ס'קינד, קוקט לאַנג דערין

אין זיין לעצטן בליק פונעם אויג, ווען ער איז אַראָפּ ווי אַ שטיין צום גרונט, — איז עס געווען.

שוירלי

פאַרציט אַ דין געוויין

מאַרווין

קוקט לאַנג אויף איר

נישט אַנדערש ווי אַזוי איר געזען אין די בריוו — בלייך, צע־שראָקן, מיט צעשויבערטע האָר, אַ פאַרמאַכטע...

סיידי

און ווי דען, אַז דער קאָפּ ווערט אָפּגעהאַקט? זיך געזאָלט רעכט אָנטאָן? גיין טאַנצן? טאַנץ — אַז די פיס רירן זיך נישט; לאָך — אַז ס'פּנים וויינט. אַזוי ווי ס'געמיט אַזוי געשלייערט...

ניימן

אַזאַ גרויסע שיף, און וואָס ס'האָט איר אויפגעטרייסלט? און ווי אַזוי זי האָט אייך געקענט פאַרלירן? אָדער איר — די שיף?

מאַרווין

אַז די שיף איז געטראָפן געוואָרן, האָט זי נישט געקאָנט מער איינזיצן אויפן וואַסער, און זיך אויפגעשטעלט ווי אַן אָנגעצונ־דענער פלאַקער, צום הימל אַרויף; זיך געגעבן א שטעל אַנידער, ווי די געדערים וואָלטן זיך אין איר איבערגעדרייט... און פאַר־ריסן די ווייסלען צום הימל ווי אַ געשאַכטענער אָקס... ס'האָט גענומען וואַרפן די באָיס אין ים אַריין אינאיינעם מיט די שטיקער ברויט, אייזנס, העלצער, קייטן, — ווי שפּילקע־קעפּלעך... מ'האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אויפן וואַסער... און איך האָב געמוזט האָבן מער כּח זיך לענגער צו האַלטן פון אויבן... און

אפשר האָט ער מער געליטן, און די כחות זיינען ביי אים, ווי ביי אַ סך אַנדערע, — פריער אויסגעגאַנגען...

נייטן

הו־ם...

מאַרווין

ס'פייער איז געפאַלן אויפן וואַסער... די וואָלקנס רויך, פעט ווי סמאַלע — האַלטן ביים האַלדז... דער אייל ברענט ציי דער ים אַליין... מ'איז איינגעטונקען אין בלוט... און די כוואַליעס הייבן זיך ווי די בערן... מ'שלאָגט זיי איבער די קעפּ, און זיי ווערן צערייצטער, די מיילער — גרעסער, אָפענער, ווי ביי קראָקאָ־דילן... און וויפיל כח האָט מען דאָס איינגאַנצן זיך צו שלאָגן מיט זיי?... מ'ווערט מידער און פאַרשלאָפענער... די אויגן קלעפּן זיך צו... מ'שלאָפט איין און מ'קומט אויף...

סיידי

ס'איז דער מלאך המות וואָס מאַכט זיי צו...

מאַרווין

מ'שטייט־אויף, מ'גייט אונטער און — מ'איז דאָ... ווי אַזוי?... כ'האָב שוין גאָרנישט געזען... נישט געהערט... די הענט גע־האַט אָפּגעפאַלן... און שוין אויך באַדאַרפט אָפּשטיין ווי אַ פיש... ווערן געוואָרפן ווי אַ שטיק האָלץ אויפן וואַסער צי גאָר ליגן ווי אַ שטיק אייזן אויפן גרונט פונעם ים, און בין אויפגע־קומען אויף דער שפּיטאָל־שיף... ווי אַזוי?

סיידי

מיט אַ פינגער ביים מויל

אַז מ'האָט יאָרן...

נייטן

נעמט זיך אָן מיט הארץ

איינער פון זיי ביידע האָט דאָך געמוזט בלייבן לעבן... ער זאָל קומען מיטן לעצטן בליק פון אים, און מיט דעם ערשטן פון זיך, וואָס וועט שוין מער נישט זיין דער לעצטער, וואָרן ער איז שוין זיינס איבערגעקומען... זיך אָפּגעגעבן די מלחמה... איר אויס־געטראָגן אויף זיינע אַקסלען... וואָס קאָן זיין מער ווי מ'גייט אונטער מיט אַ שיף, אַ שיף — אַ גאַנצער בער, און מ'בלייבט

לעבן?... און אויב אין זיין לעצטן בליק איז געווען ס'קינד, — וועט אים גרינגער זיין צו ליגן דאָרט וואו ער ליגט, — אַז ס'קינד וועט נישט זיין עלנט, און האָבן אַ טאַטן...

שוירלי

וויינט העכער

מאַרווין

נעמט אַריין איר קאָפּ אין זיך, — קושט אים לאַנג, נעמט דערנאָך ס'קינד, און גייט אָפּ אַרומגענומען פון איר, — אָנגעלענט אין קראַוטש.

סיידי

ווישט זיך די אויגן

ס'איז נאָך דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל, וואָס קוקט זיך אום... נישט די מלחמה, די קאַלכאַויוונס אין פוילן, — וואָלט איך מיר געלאָזט שפּילן... אַזוי, וויינט אין מיר ס'האַרץ פאַר פרייד... און ס'זאָל מיך נאָר נישט פאַרקלעמען...

עסטעל

קומט אַריין, זינגנדיק

אַ סיילאָר־באָי איז ווי אַ שטרוי, דין,
די אויגן — ווי דער ים, גרין,
ער שטעקט אין הויזן, — אַזוינע ברייטע,
און שווימט אויף ימים ווייטע.

נייטן

איין האַלבע מלחמה איז שוין געגאַנגען, און די אַנדערע העלפט קלויבט זיך אויך אין וועג אַריין, — און זי וויל נאָך אַלץ נישט אַראָפּ פונעם סיילאָר?

סיידי

זי מיינט, אַז זיי האָבן אויף אייביק די תונדה געהאַט מיט די הויזן, מיטן רעקל און דעם היטעלע; זיך מער נישט שיידן מיט דעם ביז אין טויט אַריין.

נייטן

זאָל זיך דיר דאַכטן: אַז ער איז געווען אַ סיילאָר, און די שיף איז שוין מיט אים אונטערגעגאַנגען, נאָר ער איז אַרויס מיטן לעבן... און נאָך אַזוי מזלדיק, אַז ער דאַרף נישט קיין קראַ־טשעס...

סיידי

און אויב דו האָסט געקוקט אויף מאָרווינען, — האָסטו נישט מער וואָס אויף אים צו קוקן... ער נעמט דיין שוועסטער שוירלי און דער פאַר־עף וועט זיין דיין באַשערטער... דו זאָלסט דיך אַפילו שטעלן אויף דער נאָז...

עסטעל

אַזוי?

נייטן

דו ווייסט, וואָס ער האָט פאַראיבעריקט ביי דער מלחמה?

סיידי

אַ גאַנץ פערטעלע! כ'וואָלט אַמאָל געקאָנט חלומען, ווען נישט די מלחמה, — אַז מיין קינד זאָל נעמען אַ באַי וואָס האָט אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר? ס'העכסטע: אַן אָפּערייטער... נישט ביי דרעסעס איז ביי ליידיס־אונדערוועיר, מיט פינף און דרייסיק דאָ־לאַר אַ וואָך פּעי...

נייטן

צענעמט די הענט

און אַזוינע גרויסע סלעקס.

סיידי

דריי שטיבלעך מיט פאַרניטשור אויף אויסצוצאָלן...

4־עף

כ'קויף גלייך אַ האָום פאַר איר אין קיו־גאַרדנס... עי ביואיק... עי מינק קאָוט...

סיידי

כ'ווייס נישט אויף וואָס אַרויף קוקנדיק... אַסור, מיר.

נייטן

און זיין ביי אים אַ מיליאָנערשע.

סיידי

ער איז נישט מער קיין סיילסמאַן ביי זיידנס, וואָס אַרבעט פאַר זיבן און צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך, ווען אַפילו מיט קאָמישן, — אַז ביים וויב קאָנען אַרויספאַלן די ציין פון זיינע פאַרדינסטן...

ס'גאַלד איז שווערער פאַר אים... ער קאָן אַלעמאָל אַריינ־גיין אין דער באַנק זיך גראַבלען אין געלט, און ס'וועט אים קיי־נער נישט געבן איבער די הענט... ס'וועלן דיר נישט קלעקן קיין יאָרן איבער צו ציילן עס, אַפילו זאָלסט דיך עלטערן מיט אים ביז הונדערט און צוואַנציק...

ניימן

דאָ איז די גאַנצע מלחמה נאָר געווען פאַר די פּאָר־עפּס... ער איז נישט איין און איינציק... זיי האָבן זיך אַלע אָנגעשטאָפּט...

סיידי

ס'וועט דאָך יעדן זיין ליכטיק אין די אויגן, מיט אים. דער טאַ־טע, איינמאָל פאַר אַלעמאָל קאָנען באַגראָבן דעם שאָפּ מיט די בייטעלעך... ווי לאַנג נאָך וועט ער דאָס קאָנען אַרבעטן אין אים?... ער איז שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיקל... נאַרט זיך אָפּ פון צוויי אָפּעראַציעס...

עסטעל

נעמט וויינען דין

סיידי

און דיין שוועסטער שורלי וועט זיך אויך גיכער קאָנען אַנלענען אין אים, ווי אין קראָוטש זיינעם... זעסט נישט, אַז ער שלעפּט־נאָך אַ פוס...

עסטעל

וויינט מער און גרעבער

סיידי

ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ געשוואָלענעם ברילאַנט פון דריי מיט אַ האַלבן קאַראַט, אין קעשענע —זינט שיינע וואָכן... און זוכט אַ פינגער פאַר אים...

עסטעל

זאָל איך אים געבן מיין פינגער?

סיידי

נאַר, אויף מיינעם וועט ער אים אָנטון?

4־עף טוט אים אָן ביי איר אויפן פינגער, און זי גיט אַ פאַל אַרויף צו אים אויפן האַלדז מיט אַ געריטש.

סיידי

אָטעמט אָפּ

אַ שווער שטיקל אַרבעט געהאַט מיט איר...

נייטן

אויפגערוימט

אַצינד, אַז דו ווילסט נישט בלויז האָבן אַ שיין ווייבל נאָר אויך אַ געזונטס, — מוזטו זען, מ׳זאָל פון איר אויפהערן צו צאַפּן ס׳בלוט...

עסטעל

ער פאַרמסרט מיך שוין פאַר אים.

נייטן

וועמענס בלוט גיסטו, מיינס צי דיינס?

עסטעל

מיינס.

נייטן

מיינס.

סיידי

נישט דיינס, נישט אירס, נאָר — מיינס.

מייבל

לויפט אַריין

אַ קייבל פון פרענקי.

עסטעל

פון יענער וועלט?

מייבל

ניין, פון מאַנילע... ער איז געווען ביי די דזשאַפּס אין אַ קאָנ־צענטריישן קעמפּ... מעקאַרטורס זעלנער האָבן אים אָפּגענומען אינאיינעם מיט די פיליפּינען... כע־כע, און די רעד־קראָס האָט אים געזוכט אין פאַסיפיק אָשען...

סיידי

זי וואָלט איצט שיין אויסגעזען, אַז זי זאָל האָבן חתונה געהאַט...

נייטן

איין מאַן אין די פיליפּינען, דעם אַנדערן אין כינע, און ביידע צווישן זיך באַדאַרפט וואַרפן גורל, ציען קניפּלעך.

מייבל

ווען איך בין געפאָרן אַפּנעמען אַהיים מאַרווינען, — האָט איר אַ גוטער מלאך געבערענגט צו מיר אין שטוב אַריין... זי איז זיך געלעגן ווי גאָר נישט אויפן טיש, און געוואַרט אויף מיר... ד'ויפּט.

עסטעל

וואו לויפּסטו?

מייבל

אין דער בראָנקס... צו דער מוטער זיינע... איר זאָגן: אַז דער זון אירער לעבט...

נייטן

אַ נישט וועט זי קריגן אַ קעב? און ביז זי וועט אַהינקומען מיט דער סאָבוועי, — וועט איר נעמען אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך.

4-עף

איך וועל איר צופירן, מיטן קוק... אויף וואָס אַרויף האָב איך די קאַר? עסטעל! אַלע דריי אָפּ.

סיידי

אויב אַ שטיקל מצוה, ברויך זי אים פאַלן אין קאָפּ אַריין...

נייטן

אַז ס'נעמט איינעם גיין גייט אים מיט אַלעם. זוכט. ס'דאַרף ערגעץ זיין אַ ביסל בראָנפן. טרינקט. ווערסט עפּעס אָנבאַקן, און דאָס אינאיינעם אַוועקטראָגן אין שאַפּ אַריין. יעדער ייד אין שאַפּ וואָס מאַכט אַ שמחה, — ברענגט בראָנפן.

סיידי

זיך מעגן צוגעזעגענען מיטן שאַפּ. אים אַינגיכן איינפּאַקן.

נייטן

וואָס איז די גדולה?

סיידי

אַזאַ רייכן איידעם, און ער וועט דיך לאָזן אַרבעטן?

נייטן

כ'וועל מיך פאַרלייגן ביי אים אויפן קאַרק? ווי לאַנג ס'קלאַפּט נאָך אַן אָדער אין מיר...

סיידי

אַז דו וועסט נישט אַרויסגיין פון אים, — דיך דאַרפן אַרויסטראָגן פון אים.

נייטן

נעמט צו די ליפּן

צו שטאַרק מצער זיין וועל איך מיך נישט נאָך אים... די בעסטע יאָרן אים שוין אַוועקגעגעבן... אויב ס'זענען נאָך געבליבן אַ פּאָר האָבן זיי שוין נישט דעם טעם וואָס אַ מאָל... כע־כע... טשעפּעט זיך צו איר. נעם אַ טראָפּן...

סיידי

ס'וועט מיר נישט אין האַלדז אַריין... די שעכט־הייזער אין פּוילן... די קאַלכאַויוונס.... ווער ווייסט, צי כ'האָב נאָך עמיצן, וואָס זאָל מיך דהאָבן צו נעמען אין מויל אַריין?...

נייטן

טרינקט

זיי הייבן ערשט אָן צו מישן די בלעטלעך פון פּאָרנט, און איך האָב זיי שוין איבערגעמישט... כ'האַלט ביים סוף... נאָך גע־בליבן עטלעכע — זיינען זיי פאַרגעלטע... זייערע זיינען גרין... האָבן די ריכטיקע קאָליר... ווי די וואָס פאַלן אַקאָרשט אַראָפּ פונעם בוים...

מרס. באַרענבוים קומט אַריין, — האָט אַ פּעקל אונטערן אָרעם.

נייטן

אויפגערוימט

סקאַצל קומט! רוקט איר צו אַ בענקל. אַ מזל! טרעפט אַלעמאָל אַרויף אויפן גלעזל... פאַרזוכן אַ ביסל?

מרס. באַרענבוים

כ'בין נישט איבעריקנס אויפגעלייגט. כ'זוך אַ צימער וואו זיך צו צושפּאַרן... כ'בין איצט איינע אָרעמע אַלמנה...

סיידי

נישט קיין רייכע? נאָכן גאַנצן איינרייסן?

נייטן

זיך אַוועקגערוקט דער אַלטער, אַ? און נאָך אויף דער גאַס דער־צו... מ'וואָלט ביי אים באַדאַרפט דערגיין, ווי אַזוי ס'איז בע־

סער צו שטאַרבן: אין שטוב, צי אין גאַס, — אַז מ'לייגט זיך אַוועק און מ'פאַרגלייזט די אויגן צום הימל.

סיידי

ווי לאַנג קאָן מע דאָס לעבן, אַז מ'עסט נישט?

נייטן

ביז מ'שטאַרבט.

סיידי

דער טויט לאָזט נישט לאַנג וואַרטן אויף זיך, אַז מ'היט זיך נישט די ביינער... מ'גייט און מ'שטייט און מ'פאַלט...

מרס. באַרענבוים

ער האָט געזוכט צו שפּאָרן יעדן צענט, און נאָך דער מלחמה זיך אומקערן אין זיין היים־שטאָט, וויען. אַך, וויען! זיך דאָרט קאַופן איין גראָסעס פאַרמעגן אויף דער קליינער שיפגאַסע.

נייטן

דאָ האָט ער נישט באַדאַרפט שפּאָרן אויף דעם קיין געלט. אַ קבר פון פיר איילן איז אַ שלעכט פאַרמעגן? און נאָך אויף אַזאַ שיינעם בית־עולם? אַ וואַסער גייט אים אַרום, מיט לעבעדיקע פיש... קאָן ביי נאַכט אַרויס כאַפּן אַ שווים... מיט ביימער ווי אין אַ גאָרטן... בענק, אויף צו זיצן און קוקן אויף דער לבנה... אַזוינע ווייסע גראַניטענע שטיינער — וואו האָבן זיי אין יוראָפּ אַזוינע שטיינער? די איינע זאַך איז: וואָס אין וויען וואָלט ער געלעגן אין דר'ערד מיט לויטער יהודים, און דאָ מוז ער נעבעך ליגן מיט גאַליציאַנער, מיט ליטוואַקעס, מיט וואָלינער, בעסעראַבער, און מיט וואָס נאָך אַלץ פאַר אַ יידן?

סיידי

ער האָט אַליין אויף זיך גענומען דעם טויט.

נייטן

אין בייסמענט איז פאַר זיי געווען פּונקט ווי אָנגעמאַסטן. אויפגע־האַנגען אַ פירהענגל: פון פאָרנט דאָס פאַבריקל, און הינטן — זיך אַוועקצולייגן אויף פיר שעה אין מעת לעת. איי, ס'איז נישטאָ קיין טוילעט? אַז מ'עסט נישט צו וואָס דאַרף מען אים האָבן?

סיידי

כ'וועל איר אָפּגעבן די שטוב, נאָר נישט אויף צו שטאַרבן אין איר פון הונגער... מוזן עפּעס עסן...

מרס. באַרענבוים

איך בין ניכט מער זאַ נאַריש... יעדן פרימאָרגן גיי איך אין אויטאָמאַט, און נעם זיך צוויי קליינע זעמלכען מיט איין הייסער קאַפּי.

נייטן

ס'איז איר אין דער נאָז אַריין... האָט דערשמעקט...

מרס. באַרענבוים

קומענדע וואָכע פּאַנג איך אויך אָן אַוונט־ברויט צו עסן: אַ קליין שטיקכען קאַלבס־בראַטען... איך מוז זיך מער צוזען... כ'בין נאָך קיין אַלטע פראַו...

נייטן

די מומע רחלס מעשה... זי וויל אַוודאי אויך חתונה האָבן...

מרס. באַרענבוים

וואָרום ניכט? ווען איך זאָל איין רייכן מאַן באַקאָמען...

נייטן

יענע האָט אַ פּעט באַנק ביכל, האָט זי זיך געקענט קויפן אַ מאַן דערמיט...

סיידי

דו קענסט אַ סך וויסן, וואָס זי האָט?

נייטן

מיך געטראָפן אויף אַ גוטער מינוט... גיי טרייב איר אַרויס... וואָס האָב איך אַ האַרץ פון אַ דייטשישן רעפיודזשי? אָפּ מיט איר.

די מומע רחל

קומט, האָט אַ טעלער אין האַנט — עסט

אַ שטיקל פוליצער — ס'האָט אינגאַנצן געקאָכט אַ האַלבע שעה, און ס'צעגייט אין מויל. כ'זאָל עס געוועזן לאָזן נאָך צען מינוט אונטערן פלאַם, — פאַלט ס'פלייש אַראָפּ פון די ביינדלעך.

סיידי

ווי טייער האָט איר געצאָלט?

מומע רחל

קייעט

אַ רענדל אַראָפּ אַ רענדל אַרויף.

סיידי

אַזוי לאַנג קרענקען זיי, די בוטשערס, ווי ביי מיר וועלן זיי אַ דאָלאַר מיט אַ קוואָדער פּאַר אַ פּונט, נישט קריגן. און פּאַר מיין געלט זיך קיין הייזער נישט קויפן... און אין אַזוינע גרויסע קאַרס נישט פאָרן...

מומע רחל

רינדערן פליישׁ איז ביליקער?

סיידי

מ'מוז דען רינדערן פליישׁ יאָ עסן?

מומע רחל

מ'קען נעמען אַ פישל אין דער האַנט אַריין?

סיידי

מ'קען זיך נישט באַגיין אָן פיש?

מומע רחל

מיט מייערלעך וואַרפט מען זיך אַרום?

סיידי

מ'בייט מיך פונעם רב אַז כ'זאָל עסן מייערלעך?

מומע רחל

קיין הין נישט, פליישׁ — נישט, מייערלעך אויכעט נישט, וואָס בלייבט? די פּאַסנע קאַרטאָפל מיטן טרוקענעם שטיקל ברויט?

מר. אברעק

קומט, — האָט אַ פול מויל

וואָס קריכסטו מיטן טעלער איר אין די אויגן, — זי זאָל האָבן מיט דיר אַ פינצטערע אַרבעט? אַז אַ מענטש וויל לעבן אָן עסן, — זאָל אים וואויל באַקומען. איך מוז האָבן מיין סטייק יעדן טאָג, ס'זאָל דונערן און בליצן. כ'וויל נישט וויסן וויפיל ס'קאָסט, און צי ס'איז מלחמה אָדער נישט...

מומע רחל

וואויל איז אים, אַז ער קען נאָך אויף די יאָרן אַזוי אַריינלייגן; זיך אַן עצה געבן מיט אַ סטייק פון צוויי מיט אַ האַלב פונט...

סיידי

די ריכטיקע סחורה זיך איינגעהאַנדלט...

מומע רחל

ער איז נישט דער אַנקל מאיר... אים געקענט אָפּקומען מיט שהי־פּהי... אַז כ׳וועל אים דיינט נישט צוטראָגן ס׳חלק פלייש, איז ער מאַרגן נישטאָ...

סיידי

ער האָט דיך גענומען אַז דו זאָלסט אים פּאַשען מיט סטייקס? און אַ מאַן אויף ברויט מיט קאַרטאָפל איז נישט געווען צו קריגן? און אַז ער זאָל דיר נאָך ברויכן עפּעס צו געבן אין מויל אַריין?

מומע רחל

אַזאַ מאַן וואָלט זיך אויף מיר אומגעקוקט? ווען כ׳גלעט זיך אַפילו אויס ס׳פּנים, וועלגער עס אויס ווי אַ בלאַט לאָקשן אויפן ברעט...

סיידי

אויף ווי לאַנג וועט דאָס באַנק־ביכל קלעקן, אַז ער וועט נישט גיין אַרבעטן? אַ ברונען שעפּט זיך דאָך אויך אויס.

מומע רחל

וואָס איז ער, אַ יינגעלע? כ׳וועל אים שיקן אויף זיינע יאָרן, אַר־בעטן? אַ ייד, אין די זיבעציקער... געבראָכן אויףביידע זייטן... ס׳נעמט אים אַ גוטע האַלבע שעה, ביז ער קען לאָזן ס׳וואַסער...

מר. אברעק

אָנגעכמורעט

איך אַרבעט נישט; פערד זאָלן אַרבעטן.

סיידי

ווי קען מען זיך אַזוי נאָכגעבן דעם זולל וסובא, — ס׳אַזאַ צאָרן אויסגעגאָסן געוואָרן איבער דער וועלט.

מר. אברעק

איך זאָרג נישט; אַ פערד האָט אַ גרויסן קאָפּ, — זאָל עס זאָרגן.

סיידי

מ'ברענגט אום די גאַנצע וועלט יידן.

מר. אברעק

איך דאַרף טראָגן די יידן אויפן קאָפּ? זיי האָבן מיך אַפּילו אויפן אונטן נישט געטראָגן. אָפּ.

סיידי

צערייצט

האָט גאָט געוואוסט וואָס ער טוט? די דאָרטיקע יידן האָט ער געלאָזט אומברענגען, און די זלאַבעס דאָ — לעבן? וואָס וואָלט ער אָנגעוואוירן, אַז ס'זאָל זיין פאַרקערט? וואָלט ער נישט אויפגעגעסן יעדן טאָג זיין סטייק פון צוויי מיט אַ האַלבן פונט. אָפּ.

ר' איטשע

קומט אַריין, צינדט־אָן אַ פּיצל ליכט, קערט איבער אַ בענקל, און זעצט זיך דערויף

טויזנט יאָר האָבן יידן געקיפּיעט אין די קלייטלעך, זיך געגנערט מיטן גרינעם שימל פונעם פאַרדאַרטן שטיקל ברויט. געמאַלקן אַ ציג, זיך געפּרייט און געטרערט אויף דער פּוילישער און ליטווישער ערד. זייערע געבעטן אויסגעגאָסן פון די האַרצער ווי פון קריגן. געוויגט זייערע עופהלעך אין הילצערנע וויגן. איצט שטייען טויטע שולן, מיט אַראָפּגעהאַקטע קרוינען פון די קעפּ, ווי מ'וואָלט פון זיי אַרויסגעשיילט קאַלטערהייט די געדערים. שטייען ליידיקע, אָן מתפּללים, ווי יתומים אָן טאַטע־מאַמע, — און וויינען ביינאַכט צו די הימלען: מי יבוא בקהל ה', אַז קיין יידן זיינען נישטאָ? און די הימלען הילן זיי איין מיט אַ טלית איבער די קעפּ, און וויינען־מיט מיט זייער געוויין: ווער וועט פאַר אים תפילה טון, אַז קיין יידן זיינען נישטאָ? און די פמליה של מעלה האָט צעבראָכן זייערע קרוינען, באַשיט די קעפּ מיט אַש, און וויינען־מיט מיט זייער געוויין: ווער וועט פאַר אים זאָגן שירה, אַז קיין יידן זיינען נישטאָ? און די אָבות האָבן צעריסן זייערע קליידער, און וויינען מיט, מיט זייער געוויין, — ווער וועט זינגען אַ לויב צו הקדוש ברוך הוא, אַז קיין יידן זיינען נישטאָ?

זאָגט

איכה ישבה בדד
העיר רבתי עם
שרתי במדינות
היתה למס
בכה תבכה בלילה
ודמעתה על לחיה.

באָבי

קומט

זיידע, ווער זיינען די יידן?

ר' איטשע

יידן זיינען אַן אַלט פאָלק. מיר קומען מזרע יעקב, און גלייבן אין איינציקן גאָט. אונדזערע אבות זיינען: אברהם, יצחק און יעקב. און די אמהות: שרה רבקה רחל ולאה. משה האָט אונדז אַרויס־גענומען פון מצרים, און געגעבן די תורה מסיני. אַריינגעבראַכט אין כנען האָט אונדז יהושע בן נון, שאול בן קיש איז דער ערשטער מלך ביי יידן. נאָך אים — דוד בן ישי, און שלמה בן דוד. דער קלוגער שלמה המלך, וואָס האָט זיך געקענט אַדורכרעדן מיט די ביימער, חיות און פייגל, — אויף זייערע לשונות. ער האָט גע־בויט דעם ערשטן בית המקדש. נבוכדנצר מלך בבל האָט אים חרוב געמאַכט, און פאַרטריבן די יידן פון ארץ ישראל. דעמאָלט האָט געלעבט דער נביא ירמיה. יחזקאל איז מיטגעגאַנגען מיט די גולי בבל. טיטוס הרשע האָט צעשטערט דאָס צווייטע בית המקדש. דאַרט פאַרן חורבן בית שני איז געבוירן געוואָרן ביי יידן ישוע הנוצרי, זייער גאָט.

באָבי

זייער גאָט איז געבוירן געוואָרן ביי יידן?

ר' איטשע

די גאַנצע צוויי טויזנט יאָר, אַזוי לאַנג ווי די יידן זיינען צווישן די אומות, — זיינען זיי איין גרויסער בלוט־פלעק אויף דער ערד. זי האָט זיך גאָרנישט געקענט אָנטרינקען מיט יידיש בלוט. און דאָך האָבן אין די אַלע יאָר הונדערטער, וויפיל מ'האָט אין זיי נישט אַריינגעהאַקט, — נישט אויפגעהערט צו יערן די יידישע כוחות...
און ווי די שפּיצן פון בערג שטעקן אַרויס דער רמב"ם, יהודה

הלוי, אבן עזרא, אברבנל, פון שפּאַניע; רש״י, רבנו תם, די בעלי התוספות פון פראַנקרייך; מהר״ם מרוטנבערג, מהר״ל מפּראָג, און דער של״ה, רמ״א, מהרש״א, תוספות יום טוב, ט״ז, בעל שם, שאגת אריה, פון פּוילן, ליטע און וואָלין... זיי זיינען אויסגעשטרעקט און צעוואָרפן אויף איבער יעדן מייל פון דעם לאַנגן יידישן הילוך... צוויי טויזנט יאָר האָבן די יידן געלעבט ביז צום דריטן חורבן, וואָס איז גרעסער פון ערשטן און דעם חורבן בית שני... די תורה איז מיט זיי מיטגעגאַנגען ווי אַן עמוד האש, און מיט איר אינאיינעם געוואָרן פאַרברענט אין די קאַלכאויוונס.

## באַבי

אַז איך האָב מיך צערעדט מיט דעם טשעפּלעין, וואָס האָט זיך צוגעזעצט אויף מיין בעט, ווען כ׳בין געלעגן אַדורכגעשטאָכן פון דייטשישן באַגנעט, — קומט נאָך זיינע רייד אויס, דאָס יעדער נערוו פון דער וועלט, איז אַ יידישער... יידן האָבן איר געמאַכט פאַר אַ לעבעדיקע וועלט... זיי זיינען די געהירן אירע... נישט זיי וואָלט נאָך אַלץ געדרעמלט ווי פּאַרצייטנס... מיט דעם וואַ־סערמאַן טעסט איז געקומען דער ייד וואַסערמאַן. דער ייד ערליך מיט 606. וואַקסמאַן מיט סטרעפּטאַמייסין. צו וואָס מ׳זאָל זיך נישט צורירן — האָט אַ ייד דערין עפּעס שטעקן... און ווען נישט די יידן וואָלט אַ האַלבע וועלט נישט דערלעבט אַלט צו ווערן... געשטאָרבן מיט אַ יונגן טויט... און נאָכדעם אַלעם זיך מיט זיי אַזוי אָפּגערעכנט?.... פּאַ.

ר׳ הענעך, בעלגישער לאַנדסמאַן — קומעןביידע אַריין, צעטראָגענע.

## בעלגישער לאַנדסמאַן

צעקאָכט

איך האָב זיי געגעבן, אַז זיי וועלן מיך האָבן צו געדענקען... אין זיי אַריינגעלייגט, וואָס ס׳האָט נאָר געקענט אַריין... זיך צונויפ־געקומען אָנפרעסן אויף זייער חורבן? זולל־וסובאַן? אַ הונגער באַנקעט מיט טשיקן? ווייל ס׳איז נישט געבליבן קיין איין ייד לעבן? באשר, מ׳וועט מאַכן אַ קאָלעקשן, מעג מע זיך לאָזן שפּילן און טאַנצן? מ׳שטעקט די טומאה אין דער יראה?

ר׳ הענעך

אויף וואָס אַרויף דאַרף מען דאָס געלט? די טויטע יידן דאַרפן נישט מער קיין געלט. מ׳דאַרף אַפילו נישט קיין תכריכים פאַר זייערטוועגן, — זיי זיינען נישט געקומען צו קבר ישראל. מ׳האָט זיי פאַרברענט. און די לעבעדיקע, וואו האָבן זיי לעבעדיקע יידן?

בעלגישער לאַנדסמאַן

ווי די וואַלד פייערן האָבן זיך צעפלאַקערט די באַנקעטן... ניין יידן זענען לעבן געבליבן פון טרזשישזשעוו — זיינען זיך די טרזשי־זשעווער צונויפגעקומען מאַכן אַ לחיים. דריי יידן פון גאַנץ בראָד — די בראָדער גיסן. דריי מיט אַ האַלבן ייד, ווייל ביי איינעם איז די מאַמע אַ משומדת, אין וואַכאַצק — אַ גדולה אויף זייער באַבע! די וואַכאַצקער זיצן אַרום די טישן און זיינען עוסק אין דער אכילה.

ר׳ הענעך

פאַרטרויערט

שטאָט מיינע... זיבעציק יאָר אינגאַנצן ווי זי האָט געהאַט יידן. ס׳דרייען זיך נאָך דאָ אַרום אַ סך, וואָס זייערע טאַטעס זיי־נען געווען פון די ערשטע תושבים אין איר... און וואָס פאַר אַ קהילה? וואָס פאַר אַ שול? וויפיל שטיבלעך? בתי־מדרשים? סאַראַ שיין יידיש לעבן ס׳האָט געקאָכט אין איר... אַ מקום פון תורה און גדולה... דער גאַנצער גערער הויף... און נאָך אַנדערע רביים... גוטע יידן... תלמידי חכמים... גאונים... דורך די פאַר יאָר זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַזאַ שיינעם און ליכ־טיקן בית־עולם... מיט אַזוינע חשובע נפטרים... דער כענט־טשינער רבי, ז״ל... דער פינטשעווער, ז״ל... אוהלס מיט קוויט־לעך...

ר׳ איטשע

אין וואַידעסלאַוו שטייט די שול, אַ קיימא לן, פון זיבן הונדערט יאָר. גאַנצע זיבן הונדערט יאָר האָבן יידן תפילה געטאָן אין איר, און שוין... עד כאן... דעם בית־עולם פון פאַר זיבן הונדערט יאָר, האָט אין זיך אַריינגענומען די ערד מיט אַלעם... דונערן און בליצן האָבן אים אָפגעווישט פון איר פנים... און אַז מ׳האָט פאַרברענט די יידן, — איז די שול געבליבן אַליין, הייליק און אַליין, אָן יידן, אין אַ שטאָט אָן יידן, קוקט זי צום הימל אַ צעטומלטע: ס׳איז

נישטאָ מער קיינער וואָס זאָל קומען מתפּלל זיין ?... אַז איך פאַר־מאַך די אויגן הער איך דאָס געוויין פון זיבן הונדערט יאָר בעל־תּפילות, ווי דאָס הילכן פון וועלדער, אַז דער טויט האָט זיך פאַר־לייגט אויף זיי; און ווי צעשריגענע ימים אַז ס'נעמט קאָכן דהינטער זיי...

הנני העני ממעש נרעש ונפחד מפחד יושב תהילות ישראל. באתי לעמוד ולהתחנן לפניך על עמך ישראל אשר שלחוני. לכן אבקש ממך אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב.

פון דרויסן דערטראָגט זיך דאָס קלינגען, בראַזגען, פאָרן פון טראָקס, פייפן פון שיפן, און ווייטע אָפּהילכן פון איינציקע און צעוואָרפענע האַרמאַטן שאָסן.

**נייטן**

קומט אַריין, פאַרטרויערט

מ'שטעלט זיך אין דרויסן אויף די קעפּ. ס'איז שוין נאָך די מלחמה, און אין יידישע שטיבן איז יום־כּיפּור.

**ר' הענעך**

פון פריער, פאַרזונקען

דער רשע, דער צורר קאָשעניצקי, וואָס, אַז מ'האָט זיך אַוועקגע־זעצט אָפּרוען אין דרויסן, ביי דער טיר פון זיין הויז, — האָט אָפּ־געבריט מיט קאָכעדיק וואַסער, ער איז דאָ, און חיימל מה־נשתנה, איש תּם וישר, — איז נישטאָ. סטעפּאַן דער קיילער גוי איז דאָ, און טאַטע־משהלע איז נישטאָ. פון די שיינפעלדס, קאַמינערס, זאַ־גייסקיס, אייזנבערגס, איז כמעט ווי קיינער נישטאָ. פון יאָסל שרה חנהס קינדער, גימפּל מעלערס משפּחה, וואָס האָט זיך מיט זיין עשירות איינגעקויפט אין ידוס פון ראַדאָמסקער רבין, אין תּפארת שלמה, איז אויך ווי נישט געבליבן קיינער... בלויז די קעץ פון די יידישע הייזער וואָס דרייען זיך אַרום, און באַוויינען זיי...

**נייטן**

אַ שטאָט פון אַכט און צוואַנציק טויזנט יידן, קדושים, — און זיך דאָ אָפּגעפּאַרטיקט מיט זיי — מיט דריי קליינע שורהלעך, און מיט אַזוינע קליינע אותיותלעך, וואָס קאָנען שוין קלענער נישט זיין...

פאַררוקט ערגעץ צווישן די משוגענע ראָמאַנען, וואָס מ׳דרוקט פאַר אַלטע און צעדרייטע ווייבער, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן זייער צייט... זאָל ער נישט ברענען, דער פייפער?

בעלגישער לאַנדסמאַן

נישט דער פייפער, נאָר די יידן דאַרפן ברענען... ער וואָלט וועגן זיי אָנגעשריבן גאַנצע בלעטער, מגילות, נאָר ער האָט ס׳קדרות, — מ׳וועט אים נישט וועלן נעמען אין האַנט אַריין דערפאַר... ער קען זיינע יידן... זיי ווילן נישט מער וויסן דער־פון... דער סטייק קען זיי נאָך, חלילה, בלייבן שטעקן אין האַלדז, און נישט אַרונטער... הלמאַי זאָל זיי דאָס שטיק פלייש בלייבן שטעקן אין האַלדז און נישט קאָנען אַרונטער צוליב אַכט און צוואַנציק טויזנט יידן, וואָס מ׳האָט דאָרט אומגעברענגט?

ר׳ איטשע

ווי פון דמיון

...איז געזעסן אַ ייד אין פוילן, אין דער ליטע, אויף וואָלין, אין פאָדאָל, — ביי אַ חלבן ליכטל, און זיך אַרויסגענומען די אויגן אין אַ ספר, — מיט וואָס איז ער זיי געווען אַ דאָרן אין אויג? מיטן בלאַט גמרא? קאַפּיטל תהלים? שטיקל משנה?

נייטן

זיי האָבן געוואוסט וואו צו געבן דעם טויט קלאַפּ... וואָרן, באַרוך רירט נישט ערגעץ אָן אין ש״ך, און איינשטיין — אין ארי הקדוש? זיי האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די יידן פון יורה דעה, פון ר״ן, פון בעל הטורים, חובת הלבבות, כוזרי, מורה נבוכים, — אַז ס׳זאָל שוין מער קיין באַרוך נישט געבוירן ווערן, זיין קיין צווייטער איינשטיין... פאַר די היגע יידן האָט אים ווייניקער געדאַרט דער קאָפּ... וואָס קען פון זיי מער אַרויסקומען ווי נאָך אַ הויזן־מאַכער? אַ היטל־מאַכער? אַ בייטל־מאַכער? זיי האָבן די יידן אויך געוואָלט מאַכן מיט אַ קאָפּ קלענער — נאָר געדאַט צו קורצע הענט און צו זיי נישט געקענט דערגרייכן...

ר׳ העניך

פאַרזונקען

ווי לאַנג איך האָב מיר אויסגעקוקט די אויגן, אַז דאָס רויטע מי־ליטער איז געגאַנגען, געוואויגן און געמאָסטן יעדן טריט זייערן: פון קרים קיין ראָסטאָוו, פון ראָסטאָוו קיין סמאָלי, פון סמאָלי קיין

וואָלין, כעלם, לובלין, קעלץ, — האָבן זיי, ווי אָפּגערעדט אין ערגעץ נישט מער געטראָפֿן קיין איין לעבעדיקן ייד... און געקומען נאָכ־דעם ווי מ'האָט זיי שוין געהאַט פֿאַרברענט... פֿאַרוואָס האָט דער רבונו של עולם צי עמיצער אַנדערש נישט געזען, אַז זיי זאָלן גיכער גיין? און אָנקומען אויף יענע אַלע ערטער, — ווען מיליאָנען יידן האָבן נאָך געלעבט? וואָס האָבן די יידן איצט דערפֿון וואָס פּוילן איז פּוילן, ליטע — ליטע, אַלע מלוכות — מלוכות, אַז אויף זיי ליגן בערג מיט ערד? מיילן לאַנגע קברים? גאַנצע שטעט מיט יידן אונטער דר'ערד... וואָלט נישט בעסער געווען, אַז דאָס זאָל אַלץ נישט זיין, — און די יידן זאָלן זיין? וואָס טויגן זיי מיר אַלע, אַז די יידן זיינען נישטאָ? האָט דאָך פּוילן געקענט זיין פּוילן, ליטע — ליטע, אַלע מלוכות — מלוכות, און די יידן זאָלן אויך זיין? האָט מען זיי צוליב דעם געמוזט אויסמעקן פֿון ספר החיים?

## בעלגישער לאַנדסמאַן

צעקאַכט

הונדערטער יאָרן יידיש לעבן, יידיש פֿאַרמעגן, יידישער שכל, כח, — איז אַריבער אין רוצחישע הענט; מ'האָט זיך אַנגענומען מיט יידיש האָב און גוטס, — געשעפּט עמערס גאַנצע. זיך באַ־זעצט אין די הייזער וואָס יידן האָבן געבויט מיט זייער בלוט און פּראָצע. ביליאָנען זיינען אַריין אין דר'ערד. גיטער, פֿאַבריקן און קראָמען געוואָרן צוגערויבט ביים העלן טאָג אין די אויגן, און דאָ האָט מען זיך געזוכט פֿרום איינצוהילן אין דעם ווי אין אַ טלית, און כאַפּן אַ פּאָר טאָלער... איז די פּושקע געוואָרן משוגע, און דער קאָפּ זיך ביי איר פֿאַרדרייט נישט ווייניקער ווי ביי די יידלעך פֿון די לאַנגע שטונדן און מלחמה־אָרדערס... זיי האָבן ביידע, ווי לייבלעכע ברידער, גלייך דערשמעקט דעם בום, דעם ריח פֿון בלוט און גאָלד, און זיך געשטעלט אויפֿן קאָפּ. מילא: אַז די יידעלעך האָבן זיך געוואָלט איינרייבן דעם ביילעק, — זיי האָבן זיך פֿאַרקוקט אויף די גוים! פֿאַרוואָס זאָלן זיי זיין בעסער פֿאַר יענע? און אַז יענע מעגן פֿאַרוואָס זאָלן זיי דאָס נישט טאָרן? ווען מען האָט די פּושקע, נאָך דערצו וואָס זי האָט באַדאַרפֿט אַלע־מען פֿאַרמאַלעווען די אויגן, — דאָ געזוכט רייך צו מאַכן? ארץ ישראל? ארץ ישראל וואָלט נישט געווען וואָס זי איז אָן דעם געלט?

**נייטן**

אַזוי ווי מ'האָט דאָרט גענומען שיסן, שטעכן און ברעכן, — האָט מען דאָ אויפגעהויבן די קעפּ, רייבן די הענט, און רייסן אַ פּאָס, שינדן לעבעדיקערהייט. מיט וואָס האָט מען דאָ פריער געקענט קומען צו אַ ייד? מ'האָט ערגעץ אין אַ קליין גאַליציש שטעטל אַראָפּגעריסן ביי אַ יידענע דאָס שייטל פונעם קאָפּ, — און וואָס האָט מען געקענט קריגן דערפאַר? אַ פּעני! אַ ניקל! אַבער, אַז מ'האָט זיי דאָ געקענט אַרויפלייגן אויפן טיש אַזאַ געבראָטענעם אינדיק, ווי אַ גאַנצע שטאָט מיט טויטע יידן: אנשים, נשים וטף, — שומו שמים! וואָס קען זיין וויניקער פאַר אַזאַ אבן טוב ווי אַ טויזנטער! און יידן האָבן טאַקע געוואָרפן מיט די טויזנטער! מ'האָט גענומען טאַנצן ווי אין אַ משוגעים־הויז. זיך אַנגעשטאָפּט... אַלע קאַמפּעינס זיינען געוואָרן געשוואָלן. חי — געלעבט! מ'האָט געצויגן דראָטן אין אַלע עקן וועלט, — זעט, מ'זאָל קיין איין רגע נישט אויפהערן צו קוילן יידן! מ'האָט פאַרלאַנגט וואָס מער שטעט מיט אויסגעהרגעטע יידן, און אויך גרעסערע שטעט... ס'זאָל קענען וואָס מער מאַכן...

**ר' איטשע**

און ווער האָט אין דעם מער געהאַט שטעקן אַ האַנט, ווי אונדזערע גרויסע קעפּ?

**בעלגישער לאַנדסמאַן**

אַז די גרויסע קעפּ אין פראַנקרייך האָבן פאַרלוירן, — האָט מען זיי אָפּגעהאַקט. דאָס אייגענע אין איטאַליע, אין רוסלאַנד... אומעטום וואו די גרויסע האָבן אַמאָל פאַרלוירן, — האָבן זיי באַצאָלט מיט די קעפּ... דאָס איז אַ חק זינט די וועלט שטייט! און אונדזערע גרויסע, וואָס האָבן אַזוי שיין אויסגעשפּילט מיט די יידן, — טראָגן נאָך די קעפּ אויף די אַקסלען, און מ'האָט זיי נאָך אַלץ נישט אָפּגעהאַקט? ווען וועל איך שוין דערלעבן זיי צו זען הענגען! די יידן האָט מען ביי זייער לעבן אויסגעהרגעט, און נישט וואָס זיי האָבן נאָך די קעפּ אויף זיך, — נאָר זיי הערן זיך נישט אויף צו קהלן... שטיין נאָך אַלץ ווי פריער, אפשר נאָך מער פאַריסענער, — און רעדן... פאַר וועמען רעדן זיי, פאַר די טויטע יידן? יענע דאַרפן נישט, אַז מ'זאָל פאַר זיי רעדן, זיך פאַר זיי קהלן, — זיי זיינען טויט! צו וואָס דאַרף מען

די חברה קדישא, אַז ס'זענען מער נישטאָ קיין יידן צו באַגראָבן...
צו וואָס נאָך דאָס גאַנצע קהלן זיך...

נייטן

זיי האָבן נאָך אַלץ דאָ גאַנצע פינף מיליאָן יידן. ס'בעט איז טאַקע פאַרברענט, אָבער ס'איבערבעט איז געבליבן... די היגע יידן זיינען ס'איבערבעט... און וואָס דאַרפן זיי מער ווי זיך מיט דעם איינצודעקן?...

בעלגישער לאַנדסמאַן

דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ סך תורה און — גרויס דחקות. וואָס האָט מען זיך באַדאַרפט פאַר דעם איינשטעלן? מ'מקען מיט זייביידע אין ישראל קיין הייזער נישט בויען, קיין שטעט — אוודאי נישט. דאָ האָבן זיי עם הארצות און — דאָלאַרן... אַלץ וואָס מ'ברויך...

ר' איטשע

טרויעריק, פאַרזונקען

מ'האָט אַלעמאָל געבראַכן די צווייגן פונעם בוים, אָבער אים נישט פאַרשניטן מיטן וואָרצל.

נייטן

הייטערער

ס'זיינען נאָך, פונדעסטוועגן, געבליבן יידן דאָ, אין ארץ ישראל, אין אַרגענטינע, צפון אַפריקע, מעקסיקע...

ר' איטשע

אויסגעשפּיגענע יידן... וואָס די דאָרטיקע יידן האָבן אויס־געשפּיגן, שטייט־אויף. דער חוט השדרה איז געבראָכן.

בעלגישער לאַנדסמאַן

אַז ס'זיינען מער נישטאָ קיין יידן אין פוילן, אין דער ליטע, אויפן פּאָדאָל, אין וואָלין, — וועלן מער קיין יידן נישט זיין. זיי האָבן זיך דאָ מער נישט אין וואָס אָנצוהאַלטן. ס'איז נישטאָ קיין קשר... ס'זיינען געבליבן אברים אָן אַ גוף... דאָרט איז גע־ווען דער סמבטיון. ס'האָט געקאָכט, געזאָטן ווי אין אַ קעסל גרוב, און געוואָרפן מיט שטיינער ביז אונטערן הימל. דאָרט האָבן יידן געהאַט ברייטע פּלייצעס, און געקאָנט באַשטיין — ס'זאָל פון זיי

אָפּפאַלן. און וויפיל ס'האָט נישט געזאָלט אָפּפאַלן, — מער האָט עס אָפּגעגעבן. דאָרט איז געווען דער קוואַל... און אַז ער האָט אויסגעטרוקנט?... סיי, ס'זאָל זיך ערגעץ אויפמאַכן אַ פרישער קוואַל? ארץ ישראל?

## ר' איטשע
**אייז קאַלט**

דאָרט זיינען געווען יידן ווי כל ערליי פיש אין וואַסער. יידן מיט שטריימלעך, קליינע היטעלעך אויף די שפּיץ קעפּ, אין ברייטע קאַשקעטן, געהאַקטע קאַפּאָטעס, אַטלעסענע ייבעצעס, לאַסטיקענע, צייגענע הויזן, אָפּגעשיילטע כאַלאַטלעך, ספּאָדיקעס, שיך און זאָקן, שווערע שטיוול. אַ טיף יידישער טראַכט — טיף ווי די אייביקע נאַכט. יידן — דייטשמערישע, אין ציליגדערס, פראַקן, און אין ווייסע הענדשקעס — פאַרנדיק אויף קאַטשן מיט גומענע רע־דער צו כל נדרי. יידן: משכילים, חסידים, מתנגדים, אַפּיקורסים. יידן מיט גראַבע בערד, קליינע קאָזע־בערדלעך, און אויך גילוחים... אין קטורת האָבן געמוזט זיין עלף מינים, און אויב ס'האָט בלויז איינער אויסגעפעלט — איז שוין קיין קטורת נישט געווען. איצט איז קיין קטורת נישטאָ... נישט עס פעלן מינים, נאָר ס'איז בלויז געבליבן איין מין פון אַלע — חלבונה. און פון חלבונה אַליין קען קיין קטורת נישט זיין. אָפּ.

## בעלגישער לאַנדסמאַן
**פון קאָפּ אַרויס, קינדיש**

זייענדיק אַ קליין ייִנגל, האָט מיך דער טאַטע מיטגענומען אויף יום־כיפור צום רבין... יידן אין טליתים שטייען איינער אי־בערן אַנדערן, ווי אַ סטאַדע שאָף, — איינגעטונקען אין דעם פייער פון זייער רבין... אויף זיין פּנים ברענען די טרערן פון זיין קליינע עדה, וואָס ווייגט אויף ר' אמנון, אויף די עשרה הרוגי מלכות, וועגן די אייזערנע קאָמען וואָס מ'האָט געקעמט זייערע לייבער. באַלייבטע און באַווייבטע יידן וויינען פאַרן יום הדין...

## ר' הענעך

איצט האָט נישט פוילן מער קיין איין ייד וואָס זאָל פריטיק פאַר־נאַכט מקבל שבת זיין. אַ יידענע — זאָגן גאַט פון אברהם. די נשמה יתירה האָט אויסגעהויכט. די מקוואות זיינען טרוקן און צעלעכצט. די תורה איז פאַרשטומט געוואָרן. די שכינה וואָס

האָט דאָרטן געׂרוט הונדערטער יאָרן, — רוט נישט מער... בלויז איר טרער, וואָס איז געבליבן ווי אויף די ברעמען פון יעדן טאָג...

בעלגישער לאַנדסמאַן

מ׳הערט נישט מער קיין געזעלן־יונגען זינגען אין די וואַרשטאַטן ביי די ניי־מאַשינען, מיטן שטעפּן זייערן... און דאָס לאַכן פון יידישע מיידלעך צו זיי אין די פענצטער... זיך ליבן אין די סע־דער... אַנד־הענגען אויף די רעדער פון דראַבינאַסטע וועגן...

ר׳ הענעך

ס׳זענען אויסגעגאַנגען ווי רויך די שיינע כשרע יידישע נעמען: ליבעלע, ציפּעלע, הערשעלע, דאָבילע, פּערילע, בערילע...

נייטן

און ס׳זיינען געבליבן: דזשוראַם, אייבי און סאַלי — דאָ; יאַ־קאָבאָס אין בוענעס איירעס. אַהו־בה, אלי־יאַ־הו, מתורת־יאַ־הו, אין ישראל.

בעלגישער לאַנדסמאַן

מאַמעשי, טאַטעשי, באָבעשי, זיידעשי, מומעשי, — דאָס האָט גע־גלעט ווי טייערער סאַמעט.

נייטן

איצט איז בלויז דאָ דעדי — דאָ, און אַ־ב־אַ — בארץ הקדושה. און, טאַ־טע־שי?

ר׳ הענעך

יידישע יינגלעך מיט געקרייזלטע פּאַורטלעך, גייען מיטן בעלפער לייענען קריאת־שמע צו אַ יולדות. לאָבעסעס וואַרפן קוילן שניי אונטער דער חופה, אויף חתן־כלה. זיי הייבן אָן נאָך סוכות צו לערנען ביינאַכט אין חדר... און זייערע קולכעלעך פּישטשען ווי ביי אַדורכגענעצטע פייגעלעך, — אמר אביי און אמר ר׳ פפא... דער רבי טייטשט מיט זיי ואני: און כאָטש איך בין דיך מטריח מיט מיין קבורה, אָבער ביי דיין מוטער רחל האָב איך נישט אַזוי געטאָן. וואָרן, בבוא, ביי מיין אַריינקומען מפדן ארם, — מתה עלי רחל, איז רחל ביי מיר געשטאָרבן. בארץ כנען, אין דעם לאַנד כנען. בדרך, אויפן וועג, בעוד כברת ארץ, לבא אפרתה, דאָס מיינט: אַ תחום שבת צו קומען קיין אפרת. ואקברה שם, בדרך

אפרת, הוא בית לחם. ווערסטו דאָך האָבן אויף מיר פאַראיבל, זאָלסטו וויסן — ס׳איז געווען על פי הדיבור, זי זאָל זיין אַ הילף פאַר אירע קינדער... וואָרן, אַז נבוזרדן וועט פאַרטרייבן די יידן אין גלות אַריין, וועט רחל אַרויסגיין פון קבר, און וויינען און קלאָגן, ווי עס שטייט אין פסוק: קול ברמה נשמע, רחל מבכה על בניה. און גאָט וועט צו איר זאָגן: יש שכר לפעולתך. שטייט אויף. וואו זענט איר, יידישע קינדער? פאַרוואָס האָט מען אויפגעהויבן די האַק אויף אייערע יונגע לעבנס, און פאַרשניטן אַלע ליכטיקע דורות וואָס האָבן באַדאַרפט קומען פון אייך, — קומען מיט תורה, מיט חכמה, בינה ודעת, און באַלייכטן די וועלט... אַן אייך וועט זיין פינצטער אויף איר...

## נייטן

### פאַרזונקען

כ׳האָב אַלעמאָל געטראַכט פון דעם דאָרטיקן יידישן לעבן, וואָס מ׳לעבט דאָ: אין ניו־יאָרק, אין שיקאַגע, טאָראָנטע, — אַז ס׳וועט זיך צוביסלעך לעשן, אָפּשטאַרבן מיט די אַלטע און אָנגעפּאָרענע יידן, און אַז דאָרטן וועט עס אייביק זיין, פון דור צו דור, אַזוי ווי ס׳איז געווען פאַר גאַנצע טויזנט יאָר... זאָל עס זיין וואָר, אַז ס׳איז שוין דאָרטן מער דערפון נישטאָ גאָר?

## סיידי

### קומט אַריין

אַ גאַסט אין שטעטל! וואָס מאַכסטו? עפּעס געהאַט אַ גריס פון דיין ווייב מיטביידע טעכטער? בעלגיע שטייט שוין אַזוי לאַנג אָפן ווי אַ שטוב מיט דער טיר צו דער גאַס. ס׳גייען שוין אַפילו אַריין און אַרויס בריוו...

## בעלגישער לאַנדסמאַן

וואו האָב איך שוין עמיצן? געהאַט אין בריסל צוויי שוואָגערס מיט זייערע ווייבער, קינדער. מיין אייגן ווייב מיט ביידע טעכטער, ווי די קרוינען אויפן קאָפּ... אַ משפּחה פון זיבן און צוואַנציק נפשות, און אַלע — אַזוי געזונט, אַזוי יוסט, מיט גאָלדענע געשעפטן... און אַרויס מיטן רויך פונעם קוימען... בלויז איין קינד זאָל זיך געפינען אין אַ קאַטוילישן קלויסטער... אויף וואָס האָב איך אָפּגעאַרבעט ס׳גאַנצע לעבן?... ס׳האָבן זיך אַרומגעדרייט אין שטוב אַזוינע שיינע צוויי מיידלעך... און זי —

אַזאַ גוטע נשמה... איין און צוואַנציק יאָר אַפּגעלעבט מיט איר... כ׳האָב געזוכט פאַר זיי צו ברענגען געלט פון אונטער דר׳ערד, — אַז כ׳זאָל האָבן אויף וועמען צו קוקן... ס׳זאָל בלייבן עמיצער נאָך מיר... און קיין ווינט נישט בלאָזן ווי אויף אַ ליידיק פעלד... און וואָס האָב איך אַצינד? ביי וואָס בין איך געבליבן, און וואו? צווישן הימל און ערד... אויף די עטלעכע פופציק יאָר מיינע, וועל איך אויפסניי גיין פאַרלייגן די פאַבריק?... און כ׳קאָן אַפילו חלומען פון אַ קינד? אָפּ מיט אַן איינגעהאַלטן געוויין.

נייטן
נאָך אַ ווײַלע
ציבעלע טרערן... כ׳גלייב נישט, אַז ס׳זאָל אים אַזוי באַרירן... כ׳האָב עס נישט געזען ביי אים... איידער ער האָט נאָך עפּעס געוואַוסט, — זיך שוין דאָ אַרומגעשלעפּט מיט עפּעס אַ פּרה אדומה. וואו אַ טעאַטער — באַנייט ער עס... אַ טענצל — איז ער אין מיטן קרענצל.

מאַרי
ער איז דאָך אַ מאַן, וואָס קאָן מען האָבן צו אים. פאַרטראַכט. משה שוחטס, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויפן ווייבס טויט, אים האָט ווי אַ דונער געטראָפן, אַז ער האָט געהערט — אַז זי לעבט... וואָס וועט ער אַצינד טון מיט די ביישלעפּערן זיינע? און ער, וואָס האָט געפּלאַטערט פאַר איר מיט די טעכטער זיינע — זיינען נישטאָ...

נייטן
כ׳וויס נישט: אַז ער זאָל איצט דאַרפן אָוועקשיקן דעם ווייב מיט די קינדער די פאַר טאָלער, וואָס ער האָט זיך אַוועקגעריסן פון דער קישקע, — די געהירן אין קאָפּ וואַלטן זיך אים איבערגעקערט... אים באַדאַרפט אָוועקשיקן אין אַ משוגעים הויז... וואָרן, ער איז נישט קראַנק אויף די לאַנגע שטונדן מיט שווערע פיידעס...

סיידי
די מלדומה איז שוין געפּגרט, און מעגן צוכאַפּן אַז מ׳וועט אים געבן קורצע שטונדן מיט גרינגע פיידעס.

**נייטן**

פריער, אַז ער האָט נישט געפּרעסן, האָט ער נאָך געקענט אויס־שטעכן די אויגן מיטן ווייב און די טעכטער. צו וועמען וועט ער גיין, אַז מ׳זאָל זיי אים אַריבערברענגען אַהער, צו די לאַנדס־לייט פון דער סאָסייעטי? זיי זאָלן זיך וואַשן אין זיין בלוט? פאַר־וואָס פּרעסט ער אַצינד נישט, אַז ער האָט זיך שוין מער נישט פאַר וועמען צו צערייסן? האָט הענגען אַ טריפהנע קישקע אויף דער וואַנט, — אַ כשרע איז פאַר אים צו טייער, וואָס ער קויפט זיך איין ביי אַ פּוילישן מאַסאַרזש אויף דער ערשטער עוועניו, מיט אַ לאַבן ברויט. און יעדן טאָג, אַז ער קומט אַהיים אָנגע־יאָכמערט נאָך דער אַרבעט, — שניידט ער אַ רייפטל און אַ רייפטל, נישט, חלילה, צו גראָב, ער וואָלט נאָך דערוואָרגן געוואָרן! און ריפּעט־צו שטיקער ברויט, וואָס ער קנייפּט אויס מיט די בייזע הענט... מ׳קאָן אים זען לויפן מיטן פלעשל פּעפּסי־קאָלאַ, וואָס ער גיסט־צו, אַז ס׳זאָל זיך בעסער אַרונטער גליטשן... דאָס איז זיין לעבן... אַז ער מאַכט זיינע צוועלף־דרייצן דאָלאַר איבערן טאָג, — איז ער קראַנק און געשוואָלן אַריינצוגיין אין רעסטאָראַן אָפּעסן ביים טישל פאַר איין דאָלאַר, כאָטש אַן אָרימע וויעטשערע? אַז ער נעמט אָפּ די פּיידע מיט די זעקס זיבן און זעכציק דאָלאַר, מוז ער זיך צובאָרגן דריי טאָלער, און אַריינטראָגן זיבעציק אויפן ביכל. און לעבן אַ גאַנצע וואָך פאַר אַ קוואָדער, אַ דיים, — וואָס ער כאַפּט ביי דעם און יענעם פון דער האַנט.

**סיידי**

ס׳איז חולאַרע ביי אַלע אַריבערגעקומענע... און מ׳קאָן זיי נישט איבערמאַכן... זיי דאַרפן דאָ זיין צוואַנציק יאָר און נאָך מער, ביז זיי וועלן זיך איבערקאָכן און אויסהיילן דערפון...

**ר׳ הענעך**

**קומט אַריין, ציטעריק**

אוי, כ׳פאַל אַוועק... ס׳האַרץ וועט מיר אַרויספאַלן... מענטשן, אַ בריוו פון דאָרטן...

**נייטן, סיידי**

פון פּוילן?

ר׳ הענעך

רייסט אים אויף

כ׳זאָל נאָך די זכיה האָבן ביי גאָט... לייענט. טייערער פעטער, הענעך... איך, ציפּע, דיין ברודער עליעס ייִנגסטע טאָכטער, קום דיר צו וויסן טון: אַז פון אונדזער גרויסע משפּחה, וואָס האָט זיך געציילט קרוב צו דריי הונדערט נפשות, — איז קיינער נישטאָ... אַלע האָט מען דערשטיקט אין די גאַז־קאַמערן, און פאַרברענט אין די קאַלכאויוונס... איך איינע בין ניצול געוואָרן ווי דורך אַ נס, און אָפּגעלעגן דריי יאָר אין דאָמבראָווער וואַלד. איצט עס איך מיך אויף אַ לעבעדיקע, וואָס כ׳האָב מיך געהאָט צו באַהאַלטן, און נישט מיטגעגאַנגען מיט אַלע גלייך שטאַרבן. אין דער גאַנצער שטאָט בין איך דאָס איינציקע ייִדישע קינד... עס סטראַשען מיך די הייזער אָן ייִדן... כ׳קוק זיך יעדע רגע אום צי ס׳רופט מיך נישט ווער, און צי כ׳הער נישט אַ היימיש קול... מ׳האָט גרויסע אויגן אויף מיר וואָס כבין געבליבן לעבן, און מ׳לויערט דערויף פון הינטער יעדן פּלויט...

נייטן

אַצינד איז אַלץ קלאָר... געוואָרן וואָר... פריער האָט נאָך ווער געלעבט אין דמיון, געטליעט ווי אַ ברענענדיקע קויל דהינטערן אַש...

סיידי

דאָס אַלץ נישט געוואָלט צו לאָזן, און געטריבן פון זיך, כאָטש ס׳איז אַזוי געקראָכן אין קאָפּ, אין די אויגן, אין די ביינער... איצט קאָן מען עס מער נישט טרייבן פון זיך...

ר׳ הענעך

מ׳האָט ביי מיר צוגענומען מיינע קינדער, קינדס־קינדער, קינדס־קינדס־קינדער, וואָס וועל איך האָבן דערפון, — אַז כ׳וועל מיך נאָך אַרומדרייען דאָ אַ פּאָר יאָר? וואָלט מיר נישט גרינגער געווען דאָרט מיט זיי צו שטאַרבן, ווי דאָ אַליין צו לעבן? אָפּ.

נייטן

קוקט אין בריוו

ס׳וואָלט זיך זיכער נאָך ווער געקאָנט ראַטעווען, נאָר אַ ברודער האָט נישט געוואָלט בלייבן לעבן, אַז אַ שוועסטער איז אַוועק שטאַרבן. אַ שוועסטער בלייבן לעבן — אַז אַ ברודער איז אַוועק

שטאַרבן. און אַ מאַמע זיך לויפן באַהאַלטן, — אַז מ׳האָט ביי איר צוגענומען די קינדער, נאָר מיט זיי אינאיינעם געגאַנגען שטאַרבן... ס׳זענען געגאַנגען גאַנצע הויז־געזינדן, און זיך גאָך אוודאי געהאַלטן ביי די הענט... אָפּ.

סיידי

פאַרטרערט

אַזוי, פלעג איך זיך אַ מאָל אַוועקרייסן ביי נאַכט, אַז כ׳האָב שוין געהאַט איינגענומען ס׳הויז מיט אַלעם, ס׳קליינוואַרג געהאַט אויף די געלעגערס, און אָנשרייבן בריוולעך אַהיים: „צו דיר, מיין טייערער ברודער, משה, מיט דיין ליב ווייב, פייגעלע, און אייער גאַנץ טוץ קינדערלעך, זאָלן לעבן און געזונט זיין... צו דיר, מיין טייערע שוועסטער, ייטל, מיט דיין ליבן מאַן, שמואל, און אייער בן יחידל, פּרצל... צו דיר, מיין טייערער ברודער, שלמה, מיט דיין ווייב, לאה, און אייער שיין בריליאַנטן מיידעלע, מרימל. צו דיר, מיין טייערער ברודער, יאַנקל...” אַז ס׳איז געקומען פאַר אַ יום־טוב, האָב איך אויסגעקראַצט וואָס כ׳האָב געקאָנט, און צו דעם געשיקט פינף דאָלאַר, צו דעם צען דאָלאַר, — נאָך די כּחות נאָך... שטיקט זיך מיט די טרערן. אַצינד האָב איך שוין מער נישט צו קיינעם עפּעס צו שיקן... צו קיינעם מער צו שרייבן... נישט קיין ברודער... נישט קיין שוועסטער... נישט קיין שום משפּחה... אָפּ.

באַבי, מאַרי, — קומען אַריין. ער טראָגט ס׳פּיצעלע קינד אויף די הענט, און ס׳עלטערע האַלט זיך אין אים. זי איז באַלאָדן מיט פּעק.

באַבי

מיר גייען איצט צוריק פאַר זיך, אין אַן אייגן הויז, וואָס איז איינגעפאַלן אַז כ׳האָב באַדאַרפט ווערן פאַרשיקט איבערן ים. עס וועט באַלד אָנהייבן אָטעמען מיט לעבן, און מיט יידיש לעבן פון אויבן ביז אַרונטער. עס וועט אַזוי אייגן לייכטן ווי ס׳האָט דאַרט אויפגעהערט, — מיט ליכט צינדן, מיט שבת, מיט יום־טוב... ס׳וועט זיך מיט אונדז צוריק אָנהייבן... און דער צלם ביי דיר וועט אין דעם פאַרשווינדן, ווי דאָס ליכט ביי אַ בלינדן...

מאַרי

וואָס ברענט אין דיר אַזאַ כעס צו אים?

באַבי

כ'האָב אים פאַרקוקט אַזוי לאַנג ווי כ'בין געווען אַ באַי פון דער דריטער סטריט... און נאָכדעם ווי ער האָט מיר דאָרט געעפנט די אויגן, און געזען וואָס מ'האָט געטאָן מיט יידן, — טאָר ער מער נישט זיין אין שטוב ביי מיר...

מאַרי

דאָס האָט ער דאָרט אַזוי צענומען די הענט, און זיך צעלאָזט, — נישט דאָ... דאָרט איז נישט — דאָ...

באַבי

דער צלם פאַר יידן איז אומעטום געבליבן צלם. גרויזאַם און באַגאָסן מיט בלוט. אויף איין אָרט האָט ער געמאַכט אַ קרומע מינע, און אויף אַן אַנדער אָרט פאַרקוועטשט מיט אַן אייגל, אַז קיינער זאָל נישט זען ווי ער שמייכלט כיטרע, ווען יידיש בלוט האָט גע־טריפט פונעם מעסער... נאָך אויף אַן אַנדער אָרט זיך געפּאַטשט אין בויך אַריין, און געלאַכט אויפן הויכן קול... זיך געפרעגלט אין האָניג און צעגאָסן פון נחת... ער האָט אין ערגעץ נישט געוויינט... געלאָזט פאַלן אַ טרער...

מאַרי

ס'איז נישט דער צלם נאָר דער האַקן־קרייץ. ער האָט יענעם אויך נישט געשוינט, און געריסן פון אים שטיקער...

באַבי

בלויז אויף אויסצושטעכן די אויגן... דער האַקן־קרייץ וואָלט זיך קיינמאָל נישט אַזוי צעבריקעט, ווען זיין עלטערער ברודער, דער צלם, — זאָל אַראָפּבייגן צו אים דעם אַלטן ווייסן קאָפּ, און די בייזע ווייסע ברעמען — ער וויל נישט די טייכן יידיש בלוט, און זיי וואָלטן נישט געוואָרן פאַרגאָסן... נישט: וואָס ער האָט אים געזאָלט אָפּרעדן דערפון, נאָר אָנגעקוואַלן... אים אַרויסגעשטעלט פאַרן גזלן... זיך באַהאַלטן הינטער זיין בלוטיקער פּאָלע...

מאַרי

ווי אַזוי וועל איך קאָנען לעבן אָן אים?

באַבי

ווי אַלע יידישע קינדער... ער מוז אַרויס נישט נאָר מיט דעם וואָס מ'האָט דיך געקריסטליכט, נאָר פון דיין אינעווייניק, פון דיין בלוט... פון דייןביין און יעדן גליד...

מאַרי

מ׳האָט צוויי קינדער... נישט אַלעמאָל איז אַלץ מיט אַלעם... ס׳גיט זיך עפּעס אַ דריי... און מ׳פאַלט אויף די קני... ס׳האַרץ נעמט וויינען... און אויב נישט צו אים, צו וועמען?...

באַבי

צום גאָט פון די יידן... מיין גאָט איז אויך דיינער... דו האָסט געקאָנט זיין מיט אים, ווען איך בין נישט געווען מיט זיך... זייענדיק דאָרט האָב איך זיך געפונען... איז דער ייד געקומען צו מיר מיט זיין גאַנצן שוידער, ציטער, און גענומען שרייען, זיך רייסן ווי אַ געבונדענער לייב...

מאַרי

און וואָס וועט ווערן פון אונדזערע קינדער?

באַבי

יידן... זיי וועלן נעמען יידישע מענער, און אַוועקומען צווישן יידן... די יידן דאַרפן רייכער ווערן מיט זיי... זיי זיינען געוואָרן פאַראָרימט...

מאַרי

נעמט אים אַרום

כ׳האָב מיך איבערגעגעבן צו דיר, אַזוי ווי דו ביזט געווען, און זיין מיט דיר — ווי דו זאָלסט נישט זיין, אויף אייביק, ביז אין גרוב. דו ביזט מיין ווי אַזוי דו זאָלסט נישט זיין, און מיינע קינדער זיינען אויך דיינע... און אַזוי ווי איך און דו וועלן זיי אויך זיין...

באַבי

יידן.

אָפּ.

ר׳ איטשע

פון דער אַנדערע שטוב

מחה תמחה את זכר עמלק מתחת שמי השמים...

ר׳ הענעך

קומט, אָנגעטון אין קיטל, טלית, — נעמט אָנשטעלן יאָרצייט לאָמפּן, און צינדן די קנייטלעך

דאָס איז פאַר די הייליקע נשמות פון מיינע קינדער און מיינע קינדס קינדער, מיינע ברידער מיט זייערע ווייבער און קינדער,

מיינע שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער, מיינע פעטערס, מומעס, הקדושים והטהורים, שמסרו נפשם על קדושת השם, בימי הזעם, בארץ הדמים.

נעמט אַריבער דעם טלית איבערן קאָפּ

שפוך חמתך
על הגויים
אשר לא ידעוך,
ועל ממלכות
אשר בשמך לא קראו.
כי אכל את יעקב
ואת נוהו השמו.

פאַרהאַנג

ניו־יאָרק, 1945